STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00492

YISROEL -- FOLK IN LAND

Samuel Niger

Permanent preservation of this book was made possible by
Jean Pierret
in honor of
Bernard Biran

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ניגער

ישראל — . . .
. . . פאָלק און לאַנד

דריי רעדעס

פארלאג ל. מ. שטיין שיקאגא

COPYRIGHT 1952 BY
S. NIGER, BROOKLYN, N.Y.

S. NIGER: "ISRAEL—PEOPLE & LAND"
L. M. STEIN, PUBLISHER
Chicago, Illinois - Nineteen fifty two
PRINTED IN U. S. A

הויפט פאַרקויף:
„ציקא" פאַרלאַג און ביכער־קלוב
67 LEXINGTON AVENUE, NEW YORK 10, N.Y.

די דריי רעדעס, וואָס ווערן דאָ פאַרעפנטלעכט, זיינען געקניפּט און געבונדן איינס מיט דאָס אַנדערע. עס ווערט אין זיי געמאַכט אַ פּרוּוו צו באַטראַכטן דאָס יידישע לעבן, זיינע טראַדיציעס, זיין איצטיקן מצב, ווי אויך די אָפענע און פאַרבאָרגענע כחות, וואָס עס טראָגט אין זיך, — פון אַ ברייטערן, ווי ווייט מעגלעך, אָביעקטיוו־היסטאָרישן, ניט קיין פאַרטייאישן, שטאַנדפונקט.

די ערשטע רעדע טראָגט אַמער אַלגעמיינעם כאַראַקטער, די ווייטערדיקע צוויי רעפעראַטן רירן־אָן אויך קאָנקרעטע פראַגן. אין זיי אַלע איז דער אויסגאַנגס פונקט — פאָלק; לאַנד ווערט באַטראַכט ווי איינע פון דעם יידישן פאָלקס שעפערישסטע דערגרייכונגען.

די רעדעס זיינען פריער געדרוקט געוואָרן אין "צוקונפט" (סעפטעמבער, 1946; מערץ און אַפּריל, 1951), אָדער אין "בלעטער פאַר יידישער דערציאונג", (יוני־סעפטעמבער, 1951). פאַר דער איניציאַטיוו און די באַמיאונגען זיי אַרויסצוגעבן, מיט קליינע ענדערונגען און אויסבעסערונגען, אין איין ביכל, זאָג איך אַ האַרציקן דאַנק די פריינט ש. דייטש און ל. מ. שטיין פון שיקאגא.

ש. נ.

אינהאַלט:

•

א. אין וואָס איך גלויב ווי אַ ייד.

ב. ישראל — פאָלק און לאַנד.

ג. וואוהין גייט דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע?

אין וואס איך גלויב ווי אַ ייד *)

חשובע פֿאַרזאַמלטע, מורי ורבותי.

כ'וועגד זיך צו אײַך מיט אָט־די — אפֿשר שוין אַביסל צו „קאָנסערוואַטיווע" — ווערטער. כ'וויל אײַך דערמיט געבן אַן אָנצוהערעניש, אַז כ'וועל זיך מיען צו ריידן אויף דעם יידיש, וואָס עס האָבן אַמאָל גערעדט לומדים און תּלמידי חכמים. אפֿשר וועט ער זיין אײַך נעענטער און מער פֿאַרשטענדלעך.

אָט־די קלײנע הקדמה מאַך איך, כדי לײַכטער בײַצוקומען די אימתא דציבורא, וואָס איז הײַנט ביי מיר גרעסער ווי געוויינטלעך, — און דאָס איז ניט בלויז ווייל דער „ציבור" איז ניט קיין געוויינטלעכער, נאָר אויך ווייל, אַזוי ווי איר אַלע, ווייס איך, אַז אין מורין הלכה בפני רבו אָדער רבותיו. מיין איינציקע התנצלות איז, וואָס איך וועל זיך מסתמא אָפּגעבן מער מיט אגדה, ווי מיט הלכה.

א היתר אויף דעם האָב איך פֿון דער טעמע, ווי זי איז פֿאָרמולירט געוואָרן פֿון פּראָפֿ. פֿינקלשטיין: „אין וואָס איך גלויב, ווי אַ ייד" . . . איך... גלויבן... ייד... דאָס זיינען דורכאויס זאַכן, וואָס אין אונדזער צייט — בזמננו — האָבן זיי, ווי מיר אַלע ווייסן, מער שייכות צו אַגדה, ווי צו הלכה. אַגדה אָדער אַ שטיקל אגדתא, ווי מיר פֿלעגן עס רופֿן אַמאָל אין חדר, מיינט דאָך אַ מעשה, אַ משל, אַ שטיק דרש, אַביסל מוסר — אָט־דאָס אַלץ, וואָס איז ניט אַזוי אָביעקטיוו און ניט אַזוי אָפּגעפּסקנט ווי הלכה, און אויב איינער פֿאַרגינט זיך צו ריידן וועגן זיך אַליין און זיך אַביסל מתוודה זיין און דערציילן אין וואָס ער גלויבט, איז קלאָר אַז ער קלייבט זיך ניט צו זיין שטרענג הלכהדיק, שטרענג אָביעקטיוו. גלויבן

---

*) אַ לעקציע פֿאַר די סטודענטן און אַ ל ו מ נ י פֿונעם „יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר", געלייענט דעם 26טטן מערץ, 1946.

איז, אמת טאַקע, אויך ניט סוביעקטיוו, ווייל ווען מע איז גלויביק, איז מען שוין מער ניט אַליין, מער ניט פּאַרזיכדיק; דאָך איז גלויבן אַ אינדיווידועלער ענין: יעדער גלויביקער גלויבט אויף זיין אייגענעם אופן, נאָך זיינע כוחות נאָך, בפּרט נאָך, ווען ער רעדט בפּירוש וועגן דעם אין וואָס ער גלויבט. און בפּרט שבפּרט ווען ער זאָגט עס, ווי אַ ייד.

אַ ייד — דאָס איז דאָך ביי אונדז שוין לאַנג עפּעס אַ אינעווייניקסטע זאַך, אַ דבר הסמוי מן העין, טאַקע עפּעס אַ שטיקל אגדתא... כ'מיין דעם יידן פון מיין שניט. אים פעלט שוין לאַנג די פּולבלוטיקע ממשותדיקייט פון דעם הלכה־יידן, וואָס איז אַלע תרי"ג מצוות מקיים, פון דעם יידן, וואָס זאָגט יעדן טאָג, וויינציקסטנס, מאה ברכות... איך קען אים גוט, כ'געדענק מיינע אייגענע קינדער־יאָרן. אין יענער צייט האָב איך ניט געגלויבט אין יידישקייט, כ'האָב יידישקייט געלעבט, כ'בין געווען יידישקייט. מיין יידישע אמונה איז, ממש, געווען די לופט, וואָס איך האָב אַריין־ און אַרויסגעאָטעמט. מיין אמונה איז געווען דאָס שטיקל ברויט, וואָס איך האָב געגעסן, די המוציא חלה, דער טרונק וואַסער אינאיינעם מיטן „שהכל". מיין גלויבן איז געווען ניט נאָר „קריאת שמע" גייענדיק שלאָפן און „מודה אני" און נעגלוואַסער אויפשטייענדיק. מיין גלויבן איז געווען ניט נאָר מיין אייגן לעבן און דאָס לעבן פון אַלע אַרומיקע: מיין גלויבן האָט אין זיך אַריינגענומען ניט נאָר דאָס ברויט, וואָס איך האָב געגעסן נאָכן וואַשן זיך, מאַכנדיק אַ ברכה, נאָר אויך די ערד, פון וועלכער גאָט ציט דאָס ברויט אַרויס (המוציא לחם מן הארץ) און די הימלען מיט די דונערן און די בליצן, וואָס איך האָב געהאַט פאַר זיי גאָר באַזונדערע ברכות. איך געדענק אָט־די דונערן און בליצן נאָך פון יענער צייט, ווען מיין נשמה איז, אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע יידישע נשמות, געשטאַנען ביים באַרג סיני... יענע יידישקייט מיינע איז געווען אַ שטיק וועלט, אַ שטיק אָביעקטיווע רעאַליטעט. יענע יידישקייט איז געווען מער ווי אַ שטיק וועלט, זי איז געווען די גאַנצע וועלט (מער נאָך — אַלע וועלטן — אַלע ש"י עולמות) און ממילא איז זי געווען ניט אַ שטיק רעאַליטעט, נאָר די גאַנצע, די פולע, די פולסטע רעאַליטעט. איצט, ווען איך שטיי פאַר אייך, מורי ורבותי, און וויל זיך דערוועגן צו דערציילן אייך בדחילו ורחימו אין וואָס איך גלויב ווי אַ ייד, איז מיין ייד־זיין, מיין גלויבן און ממילא אויך מיין איך, טאַקע נישט מער ווי אַ שטיקל אגדתא, נישט מער ווי רמז, דרוש, סוד... פרד"ס אָן דעם פּ., אָן דער ממשותדיקייט פון פשוטן פשט . . .

איז ניט שייך גאָר צו ריידן וועגן מורה הלכה זיין, וועגן פסקענען

א שאלה, כשר אָדער טריפה. עס איז גיכער עפּעס אַ מין שווערע סרכא... די סרכא איז אויפן דור, צו וועלכן איך געהער — און דער גרויסער און האַרבער ספק איבער וועלכן מיר אַלע קנייטשן אונדזערע שטערנס, איז צי וואָלט אָט דער דור אונדזערער ניט געדאַרפט זיך אויסלערנען אַביסל מער עניוות און באַנוגענען זיך מיט פרעגן שאַלות, — ווען אַפילו דאָס זאָלן זיין נאָר שאַלות פון אַגדה, ווען אַפילו דאָס זיינען נאָר שאַלות תם פון דער הגדה . . .

וואָס איז שייך צו מיר אַליין, האָט דאָס לאַנגיאָריקע אָפּגעבן זיך מיט ליטעראַטור־און קונסט־זאַכן, מיך אויסגעלערנט צו באַנעמען, וואָס העגריך איבסען האָט לאַנג שוין געזאָגט וועגן פּאָעטן און אַנדערע קינסט־לער. ער האָט דערקלערט, אַז זייער עובדה איז אייגנטלעך ניט צו ענט־פערן, נאָר צו פרעגן. פונדעסטוועגן וועל איך אַייך, רבותי, בעטן מיר געבן אַ היתר צו פּרואוון זאָגן וואָס איך וואָלט וועלן זאָגן ניט אין פאָרם פון פראַגן, נאָר — פון סטיל וועגן — אינעם אַלטן גוטן נוסח פון אני מאמין: „אין וואָס איך גלויב, ווי אַ ייד".

אַני מאמין — כ'גלויב, די ערשטע זאַך, אין . . . גלויבן.

דאָס איז אַ דערקלערונג, וואָס נייטיקט זיך כאָטש אין אַ קורצן פּירוש.

עפּעס האָט לאַנג שוין צוגענומען ביי אַ סך פון אונדז די גליקלעכע מעגלעכקייט און דעם אַזוי געוואונטשענעם מוז צו זאָגן: „דע לפני מי אתה עומד!". אָבער די פון אונדז, וואָס זיינען ניט בלינד אָדער פאַרבלענדט געוואָרן, זעען די וואונדער פון דער וועלט, די נסים פון דער נאַטור, שפּירן די איבערנאַטירלעכע כוחות פון דעם מענטשנס נאַטור, פון זיין נשמה, וואָס אָט פאַלט זי, זינקט אין תהום, ביז צו די מ"ט שערי טומאה און אָט הייבט זי זיך אויף ביז צום אויסגעשטערנטן הימל... און אויב עפּעס שטערט אונדז שוין אויסצורופן: „דע לפני מי אתה עומד!" זיינען מיר משנה נוסח און זאָגן מיט דער גרעסטער יראת הרוממות: „דע לפני מה אתה עומד!" מיר זאָגן עס, ווי מענטשן, וואָס האָבן אויגן, וואָס זעען. מיט גאָר אַ באַזונדער כוונה מוזן מיר עס זאָגן, ווען מיר קוקן אויף דער וועלט מיט יידישע אויגן. מען קאָן זיך אפשר מאַטערן און זיין אַ ייד אויך אָן דער פייאיקייט און דעם ווילן צו גלויבן אין הקדוש־ברוך הוא. עס איז אָבער שווער און אפשר גאָר אוממעגלעך צו זיין אַ ייד, ווען מען זאָל ניט האָבן מער דעם כשרון צו גלויבן אין קדושה — ברוכה היא.

אַזוי ווי מען קאָן זיך ניט פֿאָרשטעלן די יידישע געשיכטע אָן קדושים, אַזוי קאָן נישט געמאָלט זיין אַ ייד אָן קדושה.

עס זיינען אמת, דאָ יידן, וואָס לעבן אין זכות און אויפֿן חשבון פֿון דעם גלויבן, וואָס עס האָבן אַנדערע יידן, אָבער כ׳רייד וועגן אמתער, ניט־גייסטיק־פּאַראַזיטאַרישער, יידישקייט. אמתע און ערלעכע יידישקייט, ווען אַפֿילו זי איז ניט וואָס מען רופֿט אָן פֿרומע יידישקייט, וואָלט ניט געקאָנט האָבן קיין קיום, ווען זי זאָל ניט האָבן אונטער זיך דעם יסוד פֿון גלויבן. כ׳מיין דערמיט צו זאָגן, אַז מ׳קאָן ניט זיין אַפֿילו קיין אומ־גלויביקער ייד, אויב מ׳גלויבט ניט, ווינציקסטנס, אין די גייסטיקע ווערטן, וואָס ליגן באַהאַלטן אין אונדזער געשיכטע, אין דעם ליכט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אונדזער קיום און אין אונדזער מלחמה פֿאַרן קיום — אָבער ווי קאָן מען גלויבן אין יידישע ווערטן, אויב מען האָט בכלל ניט קיין חוש פֿאַר העכערע גייסטיקע ענינים? ווי קאָן מען ליידן פֿאַר יידישקייט, אויב די פֿאַנטאַזיע איז צו אָרעם צו קאָנען אויפֿנעמען זאַכן, וואָס עס איז אומ־מעגלעך זיי משיג צו זיין מיטן געוויינטלעכן שכל אָדער מיט די פֿינף חושים? מען מוז זיין מיט דעם אינעווייניקסטן ליכט פֿון דער וועלט אַזוי זיכער, ווי מען איז מיטן „אויסגעשטערנטן הימל איבער אונדזער קאָפּ״, אויב מען וויל זען דעם מאור שבתורה, דאָס פֿאַרבאָרגענע ליכט פֿון יידיש־קייט. מען איז, מיט אַנדערע ווערטער, ניט מסוגל צו זיין אַ ייד, אויב מען איז נישט געבענטשט מיט דעם ווילן און דער פֿייאיקייט צו גלויבן. און ווען איך זאָג גלויבן, מיין איך עס, ווי איר זעט, ניט דווקא אינעם טעאָ־לאָגישן זינען, גיכער אינעם טעלעאָלאָגישן, — אין דעם זינען, אין וועלכן פּרץ האָט געזאָגט, אַז „די וועלט איז ניט קיין קרעטשמע״, אַז „די וועלט האָט אַ הארץ״... יאָ, אַ ייד מוז זיין זיכער, אַז אויב אַפֿילו לית־דיין, קאָן נישט געמאָלט זיין אַזאַ זאַך, ווי לית דין...

גלויב איך, אַז עס איז פֿאַראַן דין, אַז עס איז פֿאַראַן אַ דין וחשבון אָדער, רופֿט עס, אויב איר ווילט, אַ באַוואוסטזיין פֿון דעם מענטשנס אחריות — פֿון זיין אחריות פֿאַר זיך אַליין, פֿון זיין אחריות פֿאַר זיין אייגן הארץ און דעם הארץ פֿון דער וועלט . . .

אין אָט דעם זינען, זאָג איך, אַז ווי אַ מענטש און ווי אַ ייד, וואָס ביי מיר איז עס איין זאַך, קאָן איך זיך ניט פֿאָרשטעלן קיין שום יידישן קרעדאָ אָן דעם ערשטן און פֿונדאַמענטאַלן אני מאמין באמונה... כ׳גלויב —אין גלויבן.

אויף אָט דעם אַביסל וואַקלדיקן און דאָך פֿעסטן יסוד, האַלטן זיך מיינע אַלע ווייטערדיקע אַני־מאַמינס. כ׳וועל אויסרעכענען, פֿאַרשטייט

זיך, נאָר די עיקרדיקע צווישן זיי און, ווי ווייט מעגלעך, אין דער אָרדענונג, וועלכע קאָן קלערער מאַכן די אינעווייניקסטע שייכות, וואָס זיי האָבן איינער צו דעם אַנדערן און צו דעם פֿונדאַמענטאַלסטן פֿון זיי — דעם אני מאמין — באמונה.

כ׳גלויב, — ווייל איך וויל און ווייל איך מוז גלויבן — אין דעם קיום און דעם אומפֿאַרבייטלעכן ווערט פֿון מיין פֿאָלק.

איך גלויב, איך וויל און איך מוז גלויבן אין אונדזער היסטאָריש־נאַציאָנאַלן קיום ניט ווייל עס איז דאָ עפּעס אַ ביאָלאָגישער געזעץ פֿון קאָלעקטיווער זעלבסטדערהאַלטונג; נאָר ווייל אונדזער געשיכטע, גלויב איך, האָט געהאַט און וועט אויך ווייטער האָבן אַ זין, אַ ווערט, אַ ווערדע. קיום פֿון קיום־וועגן איז פֿאַר יידן, פּשוט, ניט מעגלעך, שוין ניט גערעדט פֿון דעם, וואָס אַזאַ מין עקזיסטירן אָדער וועגעטירן סתם אַזוי, — איז אפשר גאָר ניט נייטיק. אַ יחיד קאָן לעבן — אַפֿילו אַ ביטער און אַ פֿינצטער לעבן — נאָר דערפֿאַר, וואָס עס ווילט זיך אים ניט שטאַרבן אָדער ווייל עס איז ביי אים דאָ אַ מורא פֿאַרן טויט. אַ קאָלעקטיוו, אַ פֿאָלק, דערהויפּט אַזאַ פֿאָלק, ווי מיר יידן זיינען, — אַ פֿאָלק, וואָס באַוואָרנט ניט זיינע זין און טעכטער מיט קיין שום פּערזענלעכער זיכערקייט, אַ פֿאָלק וואָס מיט זיין עקזיסטירן ווי אַ פֿאָלק, מאַכט ער דאָס לעבן פֿון זיינע מיטגלידער ניט לייכטער, נאָר שווערער, אַ פֿאָלק, וואָס שטעלט אַזוי אָפֿט זייער עקזיסטענץ, פּשוט, אין סכנה, — מוז, — ווינציקסטנס, אין זייערע אויגן — ווערט זיין, אַז מען זאָל פֿאַר אים ליידן אָדער זיך מוסר נפש זיין. און ווערט זיין עס קאָן אונדזער פֿאָלק נאָר דאַן, ווען ניט בלויז אונדזער אַלטע היסטאָרישע דערפֿאַרונג צייכנט זיך אויס מיט עפּעס אַזוינס, וואָס ביי קיין אַנדער אומה איז עס נישטאָ, נאָר ווען אויך אונדזער איצטיק לעבן איז אַ שעפֿערישער המשך פֿון דעם געהייבענעם אַמאָל, אַ המשך, וואָס קיינער, אַ חוץ אונדז, קאָן אים ניט רעאַליזירן. בלויז דער באַוואוסטזיין אַז די גרויסע לעבנס דערפֿאַרונגען, די מאָראַלישע כוחות און אַלע אַנדערע גייסטיקע אוצרות וואָס מיר האָבן געזאַמלט און וואָס מיר זאַמלען פֿאַר זיך און פֿאַר דער וועלט, וואָלטן פֿון אַנדערע פֿעלקער, ביי די מער זיכערע און מער סטאַבילע תנאים פֿון זייער קיום, ניט געקאָנט אויפֿגעזאַמלט ווערן — בלויז אָט דער גלויבן אין אונדזער קרעאַטיווער גייסטיקער אַנדערשדיקייט, בלויז דער חוש פֿון און פֿאַר דעם באַזונדערס טיפֿן ניגון, וואָס מיר זינגען אַריין אין דער וועלטס ספֿערן־מוזיק — האָט געקאָנט מאַכן מעגלעך פֿאַר אונדזערע גרויסע יחידים דעם עקסטאַז און פֿאַר די מאַסן — די משא פֿון מסירת נפֿש.

— פון דעם מסירת נפש, וואָס איז אַזוי אָפּט די טראַגישע גלאָריע פון אונדזער געשיכטע. מיר דוכט, דעריבער, אַז יידן וועלן אָדער זיין, ווי אַ פאָלק, גייסטיק שעפעריש און ממילא אַנדערש קולטורעל ווי אַנדערע פעלקער, אָדער זיי וועלן גאָר ניט זיין. און כ׳מיין, ווען איך זאָג עס, אַלע יידן, ניט נאָר די, וואָס זיינען אין גלות. אַפילו ווען אַ סך פון אונדז זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו באַזעצן זיך אין ארץ ישראל און אפילו ווען מיר זאָלן דאָרט האָבן אַן אייגן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש לעבן*)— ווי ווייט אַ לאַנד, בפרט נאָך אַ קליין לאַנד, קאָן אין אונדזערע צייטן האָבן אַן אייגן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש לעבן, — וועלן מיר ניט האָבן, ווי אַ פאָלק, קיין קיום, וואָס האָט אַ ווערט און אַ ווערדע, אויב מיר זאָלן ווערן דאָרט ככל העמים, און ניט ממשיך זיין די אייגנאַרטיקע עוואָלוציע פון אונדזער גאַנצער היסטאָרישער דערפאַרונג — אָנגעהויבן פון אברהם אבינו ביז זיינע יינגסטע אור־אור אייניקלעך.

ניט בלויז „אין דער פרעמד״, ווי אַ מיעוט, אויך אין זיין אייגענעם לאַנד, אונטער זיין אייגענער פאָן, קאָן אַזאַ פאָלק, ווי דאָס יידישע, זיך אַסימילירן — מאָראַליש.

האָבן דען אונדזערע נביאים ניט געהאַלטן אין איין וואָרענען אונדז קעגן גייסטיקער און מאָראַלישער אַסימילאַציע, קעגן דער אַסימילאַציע פון בויען מזבחות פאַר פרעמדע געטער אויף די בערג און בערגלעך פון יהודה? אָבער ניט בלויז אַמאָל, איצט עקזיסטירט אויך די געפאַר פון גייסטיקער פאַרשקלאַפונג אָדער פון עבדות בתוך חירות, ווי אחד העם האָט עס אָנגערופן, — און זי עקזיסטירט ניט בלויז אין די לענדער פון עמאַנסיפּאַציע, נאָר אויך אין דעם לאַנד פון אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע. אור־מעטום, וואו מיר זאָלן זיך ניט געפינען, מוז, דעריבער, אונדזער נאַציאָ־נאַלע סטראַטעגיע צילן צו פאַרזיכערן אונדזער גייסטיק־קולטורעלע גרעניצן, — צו פאַרזיכערן זיי, וואו מעגלעך מאַקסימאַל און אין אַנדערע ערטער — כאָטש מינימאַל. בלויז מאַטעריעלע גרענעצן, אייגעשלאָסן לאַנד־גרענעצן, זיינען פאַר אַזאַ פאָלק, ווי מיר זיינען, ניט גענוג. די גרויסע מעלה פון האָבן אַן אייגן לאַנד ליגט ניט, ווי אַ סך מיינען, אין דעם, וואָס דאָרט וועלן מיר, ענדלעך, קאָנען אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון דער יידישער געשיכטע און ווערן אַ פאָלק, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, נאָר, פאַרקערט, אין דעם, וואָס ערשט דאָרט וואָלטן מיר גע־האָט אַ גרעסערע און אַ פולערע מעגלעכקייט צו רעאַליזירן אונדזער

*)די רעדע איז געהאַלטן געוואָרן אין 1946.

רעכט און אונדזער פֿליכט ווייטער צו ענטוויקלען די הויפּט־שטריכן פֿון אונדזער היסטאָרישער אינדיווידואַליטעט.

אין וואָס באַשטייען זיי? אויסשעפּן דעם ענין איז דאָ נישט מעגלעך. וועל איך נאָר פּרואוון אָנווייזן אויף די צוויי הויפּט־שטעלונגען וואָס זיינען דאָ ביי אונדז בנוגע צו דער פֿראַגע — ווען, וואו און ווי אַזוי איז פֿאָרמירט געוואָרן דער יסוד פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער פּערזענלעכקייט.

איינע פֿון די דאָזיקע צוויי שטעלונגען — די, אין וועלכער איך גלויב, — איז אַ היסטאָריש־דיאַלעקטישע, אַן עוואָלוציאָניסטישע, די צווייטע איז אַ דאגמאַטיש־רעוואָלוציאָנערע.

אַן אויסטייטשונג פֿון אָט דער צווייטער, דער רעוואָלוציאָנערער, שטעלונג וועט, דורך נעגאציע, גלויב איך, אונדז זאָגן, וואָס איז דער טייטש פֿון דער ערשטער שטעלונג — דער עוואָלוציאָניסטישער.

דער רעוואָלוציאָנערער איינשטעל איז אַז דאָס אַלץ, וואָס די לעצטע צוויי טויזנט יאָר יידישע געשיכטע און וועלט־געשיכטע האָבן אויפֿגעטאָן פֿאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון אונדזער פֿילגעשטאַלטיקער נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט, — איז עפּעס אַ מין שטראָף פֿון גאָט אָדער פֿון דער געשיכטע און עס דאַרף אויסגעראָטן און פֿאַרגעסן ווערן. עס מוז, הייסט עס, פֿאָרקומען אַן איבערקערעניש אין דער לעבנס־פֿילאָזאָפֿיע, וואָס ווערט באַטראַכט ווי עפּעס אַ מין אומגעזונטע פֿאַרקריפּלטע געטאָ־פֿילאָזאָפֿיע; נאָך אַ מער ערנסטע אָפּעראַציע דאַרף, לויט אָט דער שיטה, געמאַכט ווערן אויף אונדזער פּסיכאָלאָגיע, וואָס ווערט אָנגענומען ווי אַ גלות־פּסיכאָלאָגיע. אין אונדזער ווייטערדיקן, פֿון אונדז אַליין אָנגעצייכנטן, לעבנסגאַנג זאָל אונדז באַגלייטן, פֿון איין זייט, עפּעס אַן אומבאַשטימטע צוקונפֿט־מוזיק און פֿון דער אַנדער זייט — אַ גילגול פֿון די אַלטע פֿאַר־גלותדיקע ניגונים. הכּלל, מיר מוזן אויסשניידן, ווי אַ לעבעדיק שטיק פֿלייש און מיט גוואַלד אַרויסרייסן פֿון אונדזער היסטאָרישן פֿאָלקס־אָרגאַניזם אַלץ, וואָס עס איז אין אים אויסגעוואַקסן און אָנגעוואַקסן אין משך פֿון דעם צוויי־טויזנט־יאָריקן גלות־לעבן.

אויף אָט דעם מין אַנטי־היסטאָרישן, ווייל אַנטי־עוואָלוציאָניסטישן שטאַנדפּונקט שטייען גראָד פֿאָרשטייערס פֿון אַ שיטה, וואָס איז דווקא געוואוינט צו גלאָריפֿיצירן די פֿאַרגאַנגענהייט, פֿון אַ שיטה, וואָס איר הויפּט־ציל איז די אויפֿלעבונג פֿון אַזוינע צוויי מעכטיקע פֿאַקטאָרן פֿון אונדזער היסטאָרישער אַנטוויקלונג ווי דאָס לאַנד און די שפּראַך פֿון די אבות... פֿון אויבנאויף וואָלט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דווקא אָט־די פֿילאָזאָפֿיע פֿון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס וואָלט געדאַרפֿט שטיין אויפֿן

שטאַנדפּונקט פֿון היסטאָרישער עוואָלוציע און ניט פֿאַרזען אין איר לאַנגער קייט קיין איין רינג אָדער צווישן־רינג. אין דער אמתן אָבער איגנאָרירן אייניקע זייער וויכטיקע אידעאָלאָגן אירע ניט נאָר אייניציקע רינגען אין דער לאַנגער קייט פון אונדזער פיל־טויזנט־יאָריק לעבן; זיי זיינען גרייט צו לאָזן אויף הפקר גאַנצע סעקטאָרס פֿון אָט־דער גאָלדענער ירושה־קייט. אַזוי ווי אַנדערע ניט־יידישע רענעסאַנס־באַוועגונגען, האָט זיך אויך אַ טייל פון אונדזער נאַציאָנאַלער „תחיה" געשטעלט מיטן פּנים צו אַ פריערדיקער אַ כמעט פרעהיסטאָרישער, עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע, מינימיזירנדיק אָדער אינגאַנצן פֿאַרלייקענענדיק דעם גרויסן ווערט פֿון די שפּעטערישע אַנטוויקלונגען, וואָס עס האָבן געבראַכט מיט זיך שפּעטערדיקע היסטאָרישע תקופֿות.

מיר איז מער צום האַרצן די מיינונג פֿון יענע, וואָס זאָגן, אַז גראַד די שפּעט־ביבלישע, נאָך־ביבלישע, תלמודישע, גאוניש־רבנישע אַנטוויקלונגס־פֿאַזן, ווי אויך די פֿאַזן פֿון קבלה און חסידות, האָבן דעם יידישן פֿאָלק געגעבן די געשטאַלט און דעם פּנים וואָס עס האָט געהאַט אין זיין יונגסטן, איצט חרובֿן אָדער פּאַראַליזירטן אשכנזיש־מזרח־אייראָפּעאישן צענטער.

איך גלויב, אַז דאָס יידישע פֿאָלק, ווי מיר קענען עס איצטער, איז אין זיין גאַנצקייט און פֿולקייט מער אַ פּראָדוקט פֿון די לעצטע מער ווי צוויי טויזנט יאָר פֿון זיין געשיכטע, ווי פֿון אירע ערשטע טויזנט יאָר. און דאָס איז ניט נאָר דערפֿאַר, וואָס דאָס איז איר גרעסערע העלפֿט, אויך ניט בלויז דערפֿאַר, וואָס אָט־די לענגערע תקופֿה איז די שפּעטערדיקע, וואָס דאָס מיינט אַז זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט אויך די ערשטע תקופֿה, מאָדיפֿיצירנדיק און אַסימילירנדיק זי מיט זיך, בעת אין דער ערשטער עפּאָכע זיינען פון דער צווייטער קיים געווען נאָר די זריעה־קערנדלעך. נאָר אויך דערפֿאַר, גלויב איך, אַז די דיאַספּאָרא־תקופֿה איז ניט ווינציקער, אויב ניט נאָך מער, יידישע געשיכטע און יידישע ירושה ווי די געשיכטע פֿון די יידישע שבטים אין ארץ ישראל, — ווייל ערשט אין די גלות־צייטן זיינען אויפֿגעגאַנגען די קערנדלעך, וואָס זיינען אין אונדזער אייגן לאַנד פֿאַרזייט געוואָרן, ווייל ערשט דאַן האָבן זיי געגעבן צייטיקע פֿרוכט. אין ארץ ישראל איז געשטאַנען אונדזער וויג־בעטל; אויסגעוואַקסן ווי אַ פֿאָלק זיינען מיר אין דער וועלט, אין גלות. ערשט דאָרט זיינען ישראל, אורייתא וקודשא בריך הוא געוואָרן חד — איינס. ערשט דאָרטן איז ישראל געוואָרן וואָס ער איז און די תורה, די יידישע קולטור, — וואָס זי איז. ערשט דאָרטן האָבן, אַ שטייגער, תּפֿילות פֿאַרנומען ביי

אונדז דעם אָרט פֿון קרבנות — און דאָס איז אַ טיף־סימבאָלישע ענ־דערונג. זי סימבאָליזירט מיט זיך דעם פּשוטן יידנס, נישט נאָר דעם נביאס איבערגיין פֿון געצנדינעריי צו גאָטעסדינסט.

ישעיה הנביא האָט שוין טאָקע לאַנג געוואוסט, אַז גאָט וויל נים קיין קרבנות, וואָס מען ברענגט מיט הענט, וועלכע זיינען איינגעטונקט אין בלוט (ידיכם דמים מלאות) און אַז אַנשטאָט קרבנות וויל ער ער־לעכקייט, אָבער דאָס איז געווען דעם נביאס פֿרומע פֿאָדערונג, ניט דעם פֿאָלקס זינדיק לעבן. ערשט נאָכן חורבן איז דעם פֿאָלקס לעבן גערייי־ניקט און געלייטערט געוואָרן פֿון דער זינד פֿון באַפֿלעקן מיט בלוט גאָטס הויז. ערשט דאַן האָבן מיר זיך באַפֿרייט פֿון די לעצטע רעשטלעך פֿון עבודה זרה — און זיינען געוואָרן גאָטס הייליק פֿאָלק. ערשט דאַן זיינען מיר פּטור געוואָרן פֿון די כהנים און געוואָרן אין אַ גרויסער מאָס עם הכהנים... ערשט דעמאָלט, ווען מיר זיינען געגאַנגען גלות־איין, גלות־אויס, און די שכינה איז מיט אונדז מיטגעגאַנגען, — האָט זיך אין משך פֿון דורות אויסגעקריסטאַליזירט דער וואונדערלעכער „מזומן" פֿון „ישר־ראל, אורייתא וקודשא בריך הוא".

די נביאים זיינען געווען די פֿאָראויסזאָגערס, די צוזאָגערס און די צוגרייטערס פֿון אָט־דעם גייסטיקן רייף־ווערן פֿונעם יידישן פֿאָלק, — און זיי — אָט־דער גרעסטער וואונדער פֿון אונדזער און דער וועלטס געשיכטע, — זיינען צום גרעסטן טייל נתגלה געוואָרן אין ארץ ישראל. דאָס איז אמת. עס איז אָבער אויך אמת, אַז נבואה איז געווען דער מעכ־טיקסטער פּראָטעסט קעגן דער יידישער ווירקלעכקייט, ניט די יידישע ווירקלעכקייט. אין דער נבואה זיינען מאַניפֿעסטירט געוואָרן די פּאָטענ־ציעלע גייסטיקע און מאָראַלישע מעגלעכקייטן פֿונעם יידישן פֿאָלק. אָבער ווען האָבן אָט־די גרויסע געטלעכע פּאָטענצן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין מין הכוח אל הפּועל? ערשט אין דער עפּאָכע פֿון די תנאים און די אמוראים, וואָס צווישן זיי זיינען שוין געווען ניט ווייניקער גלות־יידן, ווי יידן פֿון ארץ ישראל.

און איז דען נייטיק צו דערמאָנען, אַז בלויז גלות־יידן זיינען געווען די אַלע גייסטיקע פֿאָנע־טרעגערס פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס זיינען גע־קומען בעת און נאָכן חתימת־התלמוד? איז דען נייטיק צו דערמאָנען די גאונים, די פּוסקים, די מקובלים, די פּייטנים, די משוררים, די פֿילאָ־זאָפֿן, און די אַלע אַנדערע, וואָס האָבן אונדז געפֿירט גלות־איין, גלות־אויס?

ביי זיי אַלעמען האָט אויף די ליפּן און אין די הערצער געברענט

גאָטס וואָרט, דאָס וואָרט פֿון די נביאים; דאָס איז אָבער געווען שוין גאָר אַן אַנדער מדרגה פֿון דבר ד׳. דאָס איז געווען גאָטס וואָרט, וואָס איז פֿאַרמענטשלעכט געוואָרן, גאָטס וואָרט, וואָס האָט אָנגעהויבן צו ווערן דעם פֿאָלקס טוּאונג, — מצוות און מעשים טובים. דאָס איז געווען שוין דאָס מקוים ווערן פֿון דעם נביאס רייד.

יע, דער נביא — דאָס איז געחלומטער אידעאַל; דער תּלמוד, דער פּוסק, דער שולחן־ערוך, — איז פּראַקטישער אידעאַליזם, אויף אונדזער היינטיקן לשון גערעדט. ישעיה הנביא איז — אחרית הימים, ווען עס איז, ווען משיח וועט קומען; משנה, גמרא, „יד החזקה״, שולחן ערוך, מוסר־ספר, חדר, ישיבה, פּרוש, מתמיד, מקובל, מוסרניק, גוטער ייד, חסיד — אָט די אַלע הייליק־שטראַלנדיקע געשטאַלטן פֿון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר זיינען ניט קיין חזיונות פֿון משיחס צייטן נאָר פֿאַקטן, פֿאַקטאָרן, כּוחות פֿון איצט און דאָ.

הכּלל, אויב אין דער תּקופֿה און דער סביבה פֿון די נביאים זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן די באַהאַלטענע יסודות פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקס גייסטיקן בנין, האָבן מיר אין די שפּעטערדיקע עפּאָכעס אָט־דעם בנין געבויט און צווישן זיינע פֿיר ווענט געלעבט. דער חלום פֿון די נביאים איז אין גלות איבערגעזעצט געוואָרן אויף דער שפּראַך פֿון וואָר.

וואָר איז געוויס קיינמאָל ניט אַזוי שיין, אַזוי שלמותדיק, ווי די זעאונג, וואָס דער נביא זעט אין חלום, אָבער, איר וועט, רבותי, צוגעבן, אַז אין די אַלע טונקלקייטן פֿון אונדזער מער ווי צוויי טויזנט יאָריקער וואַנדערונג האָט שטילערהייט געלויכטן אַ שטראַל פֿונעם נביאישן ליכט, אַז אין די אַלע גלותן איז געווען שוין עפּעס פֿון באחרית הימים, פֿון משיחס צייטן.

און דאָס איז ניט קיין מליצה, מיינע פֿריינד.

אין אונדזער ייִדישן לעבן איז כּמעט ווי מקוים געוואָרן די נבואה פֿון „ותמלא הארץ דעה כּמים לים מכסים״. מיר זיינען געוואָרן אַ פֿאָלק פֿון וויסן, אַ פֿאָלק פֿון אומענדלעכער ליבשאַפֿט צו וויסן, אַ פֿאָלק פֿון לערנען און גרויס דרך ארץ פֿאַר לערנען, אַ פֿאָלק, וואָס זיין עולם הזה איז עולם הבא.

אין אונדזער לעבן איז כּמעט ווי מקוים געוואָרן דער נביאישער אידעאַל פֿון פֿרידן און פֿרידלעכקייט. מיר זיינען געוואָרן דאָס איינציקע פֿאָלק אין דער וועלט, וואָס קאָן באמת ניט סובל זיין קיין בלוט, כאָטש אָדער ווייל מען האָט אויף אים געמאַכט אַזויפֿיל בלוט בלבולים און פֿאַרגאָסן זיין בלוט, ווי וואַסער. מיר זיינען געוואָרן אַ פֿאָלק, וואָס זיינע איי־

גענע טיפֿע ליידן האָבן אים אויסגעלערנט מיטצולײַדן מיט אַנדערע, אַ פֿאָלק, וואָס האָט געזוכט און זוכט אײַנצופֿירן גאָטס קעניגרײַך אין דער וועלט (לתקן עולם במלכות שדי) — טאַקע אין דער וועלט, וואָס איז פֿאַר אים געוואָרן אַן עשאַפֿאָט (ביאַליקס כל הארץ לי גרדום), אַ פֿאָלק וואָס הייליק לעבן און הייליקער טויט, אמונה און קידוש־השם, האָבן באמת אָנגעפֿילט די בלעטער פֿון זײַן געשיכטע — און ניט נאָר פֿון דער געשריבענער געשיכטע, אַ פֿאָלק, וואָס האָט באַוויזן אויפֿצוהיטן און ממשיך צו זײַן אין גלות די וואונדערלעכע שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס עס האָט אָנגעהויבן צו שאַפֿן, ווען עס האָט געלעבט אין זײַן אייגענעם לאַנד, און וואָס האָט באַוויזן ניט קיין קלענערן וואונדער דערמיט, וואָס עס האָט זײַן אַלטע און אייביקע שפּראַך און ליטעראַטור באַשאַנקען מיט צוויי יונגערע שוועסטער, די אַראַמעאישע און די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, אַ פֿאָלק... אָבער צי דען איז דאָ פֿאַר מיר נייטיק אויסצורעכענען דעם גאַנצן צעטל גייסטיקע דערגרייכונגען, וואָס מיר האָבן אַ דאַנק אונדזער לעבן און אונדזער ליידן צווישן די פֿעלקער פֿון דער וועלט?

די עטלעכע בײַשפּילן האָב איך געבראַכט נאָר כדי צו אילוסטרירן מײַן אני מאמין בנוגע צו אונדזער היסטאָרישער ירושה.

און זאָל מען ניט זאָגן, אַז פֿאַר יענע יידן וואָס היטן ניט אַלץ, וואָס שטייט אין שולחן ערוך, איז דאָס אַלץ וואָס איז דערמאָנט געוואָרן, ניט מער ווי עפּעס אַ שיינער ירושה־בעכער, אַ שטיק ראָמאַנטיק, — ניט לתשמיש, נאָר, ווי די חנוכה־ליכטלעך, לנוי. ניין, עס איז צום נוצן, — כאָטש אין אַן אַנדער פֿאָרם און מיט אַנדערע כוונות, — ווי איך וועל עס באַלד פּרוּוון באַווײַזן.

פֿריער וויל איך מאַכן דעם אויספֿיר, אַז ווען מיר זוכן אין אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט די קוואַלן, וואָס קאָנען און דאַרפֿן אָנטרינקען אונדזער לעבן און אונדזער שאַפֿן, דאַרפֿן מיר זיך ניט רעכענען, אַזוי ווי מיר האָבן זיך פֿריער קיינמאָל ניט גערעכנט, מיט דעם אָפּשטאַם און דעם יחוס פֿון די קוואַלן — צי זיי זײַנען ארץ־ישראלדיקע אָדער גלותדיקע, נאָר מיט יחוס־עצמם, ד״ה צי זײַנען אָט־די קוואַלן שוין אויסגעטריקנט, ליידיק אָדער זיי זײַנען נאָך פֿול און שפּרודלדיק . . . פֿון יעדער עפּאָכע, פֿון יעדן שטראָם, פֿון יעדער שטרעמונג אין אונדזער היסטאָרישן לעבן דאַרפֿן מיר אָפּקלײַבן די ווערטן, די רעליגיעזע, עטישע, אינטעלעקטועלע אָדער קינסטלערישע דערגרייכונגען, וואָס קאָנען אונדז העלפֿן זײַן צוגעבונדן צו אונדזער היסטאָרישער טראַדיציע, ניט זייענדיק געבונדן פֿון איר.

איך גלויב, אַז אַלע שטראָמען, אַלע שטרעמונגען פון אונדזער אַמאָליקער שעפערישקייט קאָנען און דאַרפן נערן, און באַפרוכפּערן אונדזער שאַפן איצט און אַלע מאָל. כ׳גלויב, אַז די אַלע סתירות וואָס זיינען געווען בלויז אַ צייט־זאַך. זיי זיינען געווען אַ פאַראיבערגייענדי־קער אויסדרוק פון יענעם עקסטרעמיזם, פון יענער שאַרפקייט, וואָס צייכנט אויס יעדע כיתה, ווען זי איז ניי (ניי — אַפילו פאַר זיך אַליין), ווען זי זעט אַרום זיך, פון איין זייט, גלייכגילטיקייט, און פון דער אַנדער זייט — ביטערע קעגנערשאַפט, ווען זי מוז, דעריבער, זיין מיליטאַנטיש, פאַנאַטיש און גוזמאדיק. אַנדערש ווערט די לאַגע שפּעטער. די שפּיצן פון דער יונגער אידייעס אייגעשפּאַרטקייט ווערן ביסלעכווייז אָפּגעריבן, די סתירות צווישן דער נייער שיטה און דער אַלטער ווערן, מער אָדער ווייניקער, אויסגעגליכן, און די נעכטיקע שונאים זעען זיך אַליין ניט אַרום ווי זיי ווערן שותפים . . .

אַ קלאָרןביישפּיל דערצו האָבן מיר אין דער סאָציאַלער און קול־טורעלער געשיכטע פון די איראָפּעאישע יידן אין 19טן יאָרהונדערט. אין דער ערשטער העלפט פון דעם דאָזיקן יאָרהונדערט האָט געפלאַקערט אַ מלחמה צווישן אָרטאָדאָקסיע און רעפאָרם אין מערב, צווישן חסידות און השכלה — אין מזרח־איראָפּע; אין דער צווייטער העלפט האָט אויס־געבראָכן אַ נייע גרויסע מחלוקת — צווישן דער סאָציאַלער און דער נאַ־ציאָנאַלער אידייע... די אַלע מחלוקתן, די אַלע מלחמהס זיינען, סוף כל סוף, אויסגעגליכן געוואָרן.

חסידות האָט אויפגערודערט דאָס רעליגיעזע געפיל, וואָס האָט גע־האַלטן ביי פאַרגליווערט ווערן, און עפענענדיק נייע קוואַלן פון גלויבן, האָט עס באַפרוכפּערט די יידישע פאָלקס־פאַנטאַזיע, ווי אויך די שעפע־רישע פאַנטאַזיע פון יחידים. השכלה האָט באַפרייט אונדזער געדאַנק, ווייזנדיק אים אַ וועג צו מאָדערנער קולטור. דער באַפרייטער געדאַנק פון איין טייל יידן און דאָס אויפגעוואַכטע רעליגיעזע געמיט פון אַנדערע טיילן, האָבן נישט געקאָנט לעבן בשלום צווישן זיך, און עס האָט אויס־געבראָכן אַ קריג — די מלחמה צווישן משכילים און חסידים — און עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס וועט זיין אַ מלחמה אויף לעבן און טויט: אָדער השכלה וועט טריאומפירן, און עס וועט קיין זכר ניט בלייבן פון חסידות, אָדער חסידות וועט מנצח זיין, און עס וועט ניט זיין מער קיין סימן פון אויפגעקלערטקייט און מאָדערנער בילדונג ביי יידן. אַזוי האָט זיך געדוכט אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט. אָבער אָט ווייזן זיך אין דער צווייטער העלפט — די איבעריקע צוויי פון די דער־

מאַגנטע פּיר נייע אידייען־שטראָמען אינעם יידישן לעבן: עס הייבט אָן אויפוואַכן דאָס מאָדערנע נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין, פון איין זייט; פון דער אַנדער זייט, דרינגט אַריין אין דער יידישער סביבה די סאָציאַלע אידייע, — נייע צוויי כוחות, וואָס ראַנגלען זיך צווישן זיך; נייע צוויי צדדים, וואָס יעדער פון זיי וויל זיין א מושל בכיפו. און ווידער, דאַכט זיך, אַז איינער פון די צוויי נייע פאַקטאָרן וועט זיך מוזן אונטערגעבן, אַז פאַרביידן איז ניטאָ קיין אָרט אונטער דער זון, אַז אָדער — אָדער: אָדער נאַציאָנאַליזם, אָדער סאָציאַליזם. אָבער אינגיכן הייבט אָן קלאָר צו ווערן, אַז עס איז ניט אַזוי... עס בליצט אויף משה העסעס געדאַנק, — און ביי אָט דעם העלן און שנעלן ליכט דערקענט דער סאָציאַליזם דעם יידיש־נאַציאָנאַלן מעסיאַניזם — און זיי פאַרברידערן זיך... אין אָנהייב איז עס געווען ניט מער ווי אַ בליץ, און ער פאַרלעשט זיך אזוי שנעל, ווי ער האָט זיך אָנגעצונדן. אָבער ביים סוף פון יאָרהונדערט ווייזט ער זיך ווי־דער, און דאַן איז ער שוין מער ניט קיין מאָמענטאַנע אויפבליצונג, נאָר אַ ליכט, וואָס לייכט שטענדיק . . . עס איז ניטאָ, ווייזט זיך אַרויס, קיין סתירה צווישן דעם קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און דעם יידיש־נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. עס איז, פאַרקערט, דאָ אַ שותפות צווישן זיי: סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מאָטיוון גיסן זיך צונויף און ווערן איינס. דער עיקר איז, וואָס ניט נאָר זיי אַליין הערן־אויף צו זיין צוויי צדדים, — די ענערגיעס פון די פריערדיקע צוויי אידייען־פיינט, די ענערגיעס פון חסידות און השכלה, ווערן פאַקטיש אַריינגעגאָסן אין די נייע צוויי לעבנס־שטראָמען און פאַראייניקן זיך אין יעדן פון זיי אויף אַ באַזונדער אופן: אין דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג מאַכן שותפות די שעפעריש־געוואָרענע פאַנטאַזיע, ווי אויך די פאַרטיפטע גאולה־בענקשאַפט פון חסידות — מיט די יוגנטלעכע קולטור־אידייען פון אויפקלערונג. פונקט אַזוי באַהעפטן זיך אין דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער יידישער באַוועגונג די מסירת־נפשדיקע געמיט־צושטאַנדן, די עקסטאַזן, די אויס־לייזונגס־חלומות, די קץ־זוכענישן פון חסידות מיט דער וועלטלעכקייט און דער אַלוועלטלעכקייט פון השכלה . . . די פסיכישע טיפן פון אַ יידישן סאָציאַליסט, אַ פאָלקיסט, אַ חלוץ, זיינען אַ פּראָדוקט פון דעם שמעלצטאָפּ, וואָס די פייערן פון געשיכטע האָבן אים אונטערגעהייצט אי מיט סאָציאַלן באַוואוסטזיין, אי מיט נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין . . . (אַן ענלעכן וועג האָט דורכגעמאַכט דער קאָנפליקט: אָרטאָדאָקסיע — רעפאָרמיזם).

דאָס איז אַ היסטאָרישער ביישפּיל, וואָס ווייזט אונדז, אַז עס איז מעגלעך, נישט נאָר אַז עס איז נייטיק צו ציען יניקה פון אַלע שטראָמען,

וואָס האָבן פֿייכט און פֿרוכטבאַר געמאַכט אונדזער פֿאָלקס־באָדן, און אַז עס מאַכט נישט אויס וואָס אַמאָל האָבן זיי זיך געצויגן אין פֿאַרקערטע ריכטונגען . . .

אָט לייענען מיר אַזאַ מין דערציילונג, ווי „אויב נישט נאָך העכער" — און מיר האָבן פֿאַר זיך אַ כשרן פּראָדוקט פֿון דער חסידישער פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע, איבערגעשאַפֿן פֿון פּרצן, אַ מאָדערנעם שרייבער, אַ קינד פֿון דער השכּלה — מיר האָבן, הייסט עס, פֿאַר זיך אַ כשרן סינטעז פֿון חסידות און השכּלה. דער מיין פֿון פּרצס געשיכטע איז אַ סאָציאַל־עטישער (דעם רבינס העלפֿן אַן אָרעמער פֿרוי איז אַ העכערע מדרגה, ווי פֿליען אין הימל אַריין), איר ווערט איז אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער . . . האָבן מיר פֿאַר זיך אַ האַרמאָנישע צונויפֿגיסונג ניט בלויז פֿון אַ חסידישן און משכּילישן, נאָר אויך פֿון אַ סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן מאָטיוו . . .

די גאַנצע מאָדערנע יידישע קולטור איז און דאַרף זיין אַ סך־הכּל פֿון די אַלע כּוחות, וואָס פֿריער האָבן זיי זיך געקריגט צווישן זיך און דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעגליכן.

דאָס איז, גלויב איך, נייטיק צו דערמאָנען, וויכטיק צו אַקצענטירן דערהויפּט איצט, ווען צוליב די גרויסע נסיונות, וואָס מיר האָבן ביי־צושטיין און די נאָך גרעסערע יסורים, וואָס מיר האָבן אויסצושטיין, שטאַרקט זיך ביי אונדז די טענדענץ, דער יצר־הרע צו ווערן עקסטרע־מיסטיש, איינזייטיק, און ווען צושטערן דעם סינטעז און צעשטויבן דעם סך־הכּל, וואָס איז מיט אַזויפֿיל מי דערגרייכט געוואָרן.

מען רעדט איצט מיט פֿאַראַכטונג וועגן דער השכּלה־עפּאָכע — אָט־דער גרויסער עפּאָכע אין אונדזער נייער סאָציאַלער געשיכטע. מען רעדט מיט ביטול און פֿאַרדראָס, ניט בלויז וועגן אירע צייטווייליקע חסרונות, נאָר אויך וועגן אירע גרויסע אויפֿטואונגען. דאָס וואָרט „משכּיל" איז געוואָרן עפּעס אַ מין שימפֿוואָרט, — וואָס איז? — דער משכּיל האָט געהאַט אַן אויסזען, וואָס איז ניט לויט אונדזער איצטיקן גוסט. מחמת דער שאָלעכץ, וואָס איז אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן, וואַרפֿט מען אַרויס דעם תּוך, דעם געזונטן יאָדער, וואָס איז געבליבן פֿון איר... ובכן, השיבנו נאַזאַד, — לאָמיר, רופֿט מען, זיך אומקערן צוריק צו דער אַלטער גוטער אָרטאָדאָקסיע! אַנדערע גייען נאָך ווייטער. זיי רופֿן אונדז צוריק אין געטאָ אַריין. איז איצט, גראָד איצט אַ צייט צו געדענקען, אַז פּונקט אַזוי ווי מיר קאָנען ניט און ווילן ניט אומקערן זיך צוריק צו דעם עקסטרעמיזם פֿון דער „עפּאָכע פֿון אַנטיטעזיס", ווי ש. דובנאָוו האָט אָנגערופֿן די תּקופֿה פֿון עמאַנסיפּאַציע און אַסימילאַציע, אַזוי קאָנען מיר ניט און

טאָרן ניט וועלן צוריק אויפֿלעבן דעם איינזייטיקן טעזיס פֿונעם איזאָ־לירטן און האַלב־פֿאַרגליווערטן, כאָטש טיף־יידישן, געטאָ־לעבן ערב דער עפּאָכע פֿון עמאַנסיפּאַציע.

איך גלויב, אַז דער קאָמפּראָמיס, וואָס מיר האָבן דערגרייכט נאָך אַזאַ שווערן געראַנגל, די פּשרה צווישן נעכטן און היינט, צווישן טראַדיציע און רעפֿאָרם, צווישן יידיש ־ נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין און בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיגונג, — איך גלויב, אַז אָט־דער אויסגלייך צווישן ייד און מענטש, פֿאָלק און מענטשהייט — קאָן און דאַרף און מוז בלייבן.

קיין שום יידיש־נאַציאָנאַלער אויפֿבוי, קיין שום יידיש־נאַציאָנאַלע באַנייאונג וואָלט ניט מעגלעך געווען ניט אין די לענדער, וואו מיר וואוינען, ניט אין ארץ ישראל, ווען עס זאָלן ניט האָבן געווען און עס זאָלן ניט אויפֿגעהיט ווערן די גרויסע רעזולטאַטן פֿון דער אויפֿקלערונג־און־עמאַנסיפּאַציע־באַוועגונג, די וואונדערלעכע פּרוכט פֿון דעם עץ הדעת, וואָס עס דאַכט זיך איצט, אַז ער איז פֿאַרוועלקט, פֿאַרגיפֿטעט, פֿאַרשאָלטן, און וואָס איך גלויב אַז עס וועט ווידער קומען די צייט פֿון זיין אויפֿבלי און וואוקס און געבענטשטער פּרוכפּערקייט. סיי ווי יחידים, סיי ווי אַ פֿאָלק, וואָלטן מיר געווען די ערשטע קרבנות פֿונעם נעאָ־באַרבאַריזם אומעטום, איבער דער גאַנצער וועלט, ווען איבער איר זאָלן ניט פֿלאַטערן די אַלטע פֿאָנעס פֿון קאַמף פֿאַר פֿרייהייט און גלייכהייט. פֿאַרלייקענען די אידעאַלן פֿון פֿרייער פּערזענלעכקייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט און אפֿילו נאָר פֿאַרמינערן זייער ווערט, וואָלט פֿאַר אונדז יידן געהייסן אונטערשרייבן זיך אַליין אַ טויט־אורטייל — און ניט נאָר אין גלות, אויך אין ארץ ישראל.

יאָ, אויך אין ארץ ישראל.

ווען עס זאָל ווייטער ניט געפֿירט ווערן די מלחמה קעגן היטלעריזם נאָכדעם ווי היטלער האָט געכאַפּט די מפּלה און קעגן פֿאַשיזם נאָך מוסאָליניס מיאוסן סוף, — וואָלט אַלץ, וואָס מיר האָבן באַוויזן אויפֿצוטאָן, איינגעשלאָסן דעם ישוב אין ארץ ישראל, געווען אין דער גרעסטער געפֿאַר. דער ישוב איז ניט קיין תיבה, וואָס זאָל אונדז קענען ראַטעווען בעתן מבול. מיר וואָלטן אין דער אמתן גאָר ניט געהאַט אַ גרויסן טייל דערפֿון, וואָס מיר האָבן איצט, מיר וואָלטן ניט געווען, וואָס מיר זיינען, ווען ניט יענע מעכטיקע היסטאָרישע באַוועגונגען וואָס האָבן אויפֿגעריסן די ווענט און דעם עצם פֿונדאַמענט פֿון אונדזער סאָציאַלער און קולטורעלער איזאָלירטקייט. מיר וואָלטן ניט געהאַט אָן דער השכלה־באַוועגונג ניט

דעם יידישן סאָציאַליזם, ניט די קבוצות אין ארץ ישראל, און ניט די עצם אידייע פֿון אַ מאָדערנעם ישוב אין ארץ ישראל.

פּאָליטישער ציוניזם איז אַ פּראָדוקט פֿון די רעוואָלוציאָנער־נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען אין אייראָפּע, ניט נאָר פֿון אונדזער טראַדיציאָנעלן משיח־גלויבן. מאָזעס העס, סמאָלענסקין, ליליענבלום, לעאָ פּינסקער, אחד־העם, ד"ר הערצל — זיי זיינען אַלע אויסגעוואקסן אין דער לופֿט פֿון השכּלה, אינם קאַמף פֿאַר עמאַנסיפּאַציע. זייער שטעלונג צום ענין אויפֿקלערונג און רעכט איז געווען שוין מער קריטיש ווי דאָגמאַטיש; דאָך זיינען זיי אַלע געווען יידן פֿון דער נייער צייט, — און זיי האָבן, סוף כּל סוף, אַ נעענטערע שייכות צום מאָדערנעם ציוניזם, ווי, זאָגן מיר, צו ר' יצחק לוריא אָדער ר' מענדל וויטעבסקער. זייער פּראָגראַם איז, ניט ווינציקער ווי די פּראָגראַם פֿון זייערע ראַדיקאַלערע תלמידים ד"ר סירקין אָדער בער באָראָכאָוו, אַ קינד פֿון דער אַלגעמיינער און דער יידישער אויפֿקלערונג־און־באַפֿרייאונג־באַוועגונג — און אַז אָך און ווי וואָלט געווען צום קינד, ווען עס זאָל זיך שטעלן קעגן זיין אייגענער מוטער.

ובכן, אונדזער אויטאָמאַנסיפּאַציע איז, ווי דער נאָמען אַליין זאָגט, אַ המשך פֿון דער עמאַנסיפּאַציע, און נאָר ווי איר המשך, קאָן זי אַליין האָבן אַ המשך. אַפֿילו דער היינטיקער אָרטאָדאָקס, בפֿרט נאָך דער נעאָ־אָרטאָדאָקס, קאָן זיך שוין מער ניט באַגיין אָן די מיטלען, וואָס עס האָט אים געגעבן די אויפֿקלערונג און די מאָדערניזירונג פֿונעם יידישן לעבן, כאָטש ער פֿאַרגינט זיך צו ריידן וועגן אירע צילן מיט ביטול און אומדאַנקבאַרקייט. וועגן אַלע אַנדערע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון היינטיקער, — רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער — יידישקייט, איז ניט נייטיק צו דערציילן, וויפֿיל זיי האָבן צו פֿאַרדאַנקען די אידייען און די באַוועגונגען, וואָס האָבן אונדז געבראַכט אין באַרירונג מיט דער וויסנשאַפֿט, דער ליטעראַטור, דער קונסט און דער גאַנצער סביבה פֿון דער אויפֿגעקלערטער ניט־יידישער געזעלשאַפֿט. אָן אָט־דעם שעפֿערישן קאָנטאַקט, וואָלטן מיר ניט געהאַט ניט די חכמת ישראל, ניט אונדזער נייע ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן, ניט אונדזער טעאַטער־קונסט, און ניט די אַלע, וואָס אַנטפּלעקן אונדזער וועלט־געפֿיל, אונדזער לעבנסריטם און אונדזער אויסגעהונגערטקייט נאָך פּסל ותמונה — אין די פּלאַסטישע קונסטן. אָן דער דערנענטערונג צווישן ייד און וועלט — וואָלטן מיר דען געהאַט אָט־די אינסטיטוציע*) וואו מיר געפֿינען זיך איצט?

*) דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר.

דעריבער איז מיין טיפּסטער גלויבן, אַז פֿונעם חורבן אייראָפּע און פֿון דעם גאַנצן וויסטן קאַפּיטל, וואָס גזרת־היטלער האָט — רויט אויף ווייס — אַריינגעשריבן אין אונדזער „ספֿר הדמעות“, — דאַרפֿן מיר ניט אָפּלערנען, אַז די מאָדערנע קולטור האָט אונדז אָפּגענאַרט און אַז מיר דאַרפֿן זיך פֿון איר אָפּקערן. ניין, דער מוסר, וואָס מיר קאָנען זיך אַראָפּנעמען פֿון די שוידערלעכע געשעענישן, איז גאָר אַן אַנדערער. זיי ווייזן אונדז, אַז די קולטור, וואָס האָט אונדז צוגעזאָגט — און אין אַ סך לענדער געגעבן — רעכט און פֿרייהייט, האָט נאָך ניט באַוויזן צו באַפֿעסטיקן אירע געזעלשאַפֿטלעכע און מאָראַלישע פּאָזיציעס אומעטום און אויף שטענדיק. איר ציל איז נאָך ניט ענדגילטיק דערגרייכט געוואָרן. איר וועג איז זיגזאַגיש, און מען דאַרף זיך ניט דערשרעקן, ווען ער הייבט אָן גיין אויף אַ געוויסער צייט — באַרג־אַראָפּ.

מען דאַרף צוגעבן, אַז פֿאַרשנעלערנדיק דעם מענטשהייטס אינטעלעקטועלן וואוקס, האָט די נייע קולטור געשאַפֿן אַ קריזיס אין דער ספֿערע פֿון איר עטישן און רעליגיעזן באַוווּסטזיין. אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פֿון דער וויסנשאַפֿט, דער קונסט און דער טעכניק, איז פֿאַרמערט געוואָרן אונדזער קאָלעקטיווע דערפֿאַרונג, עס איז אָבער ניט גענוג פֿאַראיידלט געוואָרן דאָס געפֿילסלעבן פֿונעם יחיד, אַזוי, אַז דער דרויסנדיקער פּראָגרעס פֿון דער מענטשהייט האָט איבערגעיאָגט דעם מער פּאַמעלעכדיקן גאַנג פֿון אונדזער אינעווייניקסטער מענטשלעכקייט. אין דער גייסטיקער קולטור פֿון דער היינטיקער וועלט, איז באמת טאַקע פֿאַראַן אַ געפֿערלעכע איינזייטיקייט — און פֿון איר, ניט פֿון דער גייסטיקער קולטור, האָט זיך גענומען דער נאַציזם, זיין אומגלויבלעכע רשעות און די גאַנצע געפֿאַלנקייט פֿון דער איצטיקער עפּאָכע. דאַרף מען פֿאַרוואַרפֿן אָדער באַקעמפֿן די ניט־פֿולקייט, די אינעווייניקסטע ניט־דערוואַקסנקייט פֿון דער וועלטס ציוויליזאַציע, ניט זי גופֿא. זי אַליין איז געווען און געבליבן אונדזער זיכערסטער אָנשפּאַר, אונדזער ליכטיקסטע האָפֿענונג. קיינער בייטיקט זיך ניט אין איר אַזוי שטאַרק, ווי אַ פֿאָלק, וואָס איז שוואַך.

אַיי־וואָס, דער אַנטיסעמיטיזם איז ניט ווייכער, נאָר האַרטער געוואָרן? איינער פֿון זיינע זומפּיקסטע קוואַלן, גלויב איך, איז דער קולטורס ליקוי חמה, איר עקליפּסיס, ניט זי אַליין. איך זאָג: „איינער פֿון זיינע קוואַלן“, ווייל איך גלויב, אַז אַזוי ווי די גאַנצע אַזוי אָנגערופֿענע יידישע פֿראַגע און אַזוי ווי אַלע אַלטע אָדער „אייביקע“ פֿראַגן, פֿאַרשלעפּטע קרענק אויף פּראָסט יידיש — נעמט זיך אויך די שנאה צו

ייִדן פֿון אַ סך פֿאַרשיידענע אורזאַכן, נישט פֿון איין אורזאַך, זי ציט איר יניקה פֿון אַ סך פֿאַרסמטע ברונעמער, נישט פֿון איין ברונעם, — און דאָס מיינט, אַז מען קאָן די אַנטיסעמיטישע חולאת ניט היילן מיט איין מיטל. דאָס מיינט, אַז די אָדער יענע פֿאַנאַציע, וואָס מען שטעלט אַרויס קעגן יודאָפֿאָביע, איז ניט מער ווי אַן איינרעדעניש. דער איינציקער אינטערגראַלער פֿאַקטאָר, אויף וועלכן מען וואָלט געקאָנט אָנווייזן, ליגט אין דעם אויסדרוק: „לאו עכברא גנב, אלא חורא גנב" אָדער, ווי די רוסן זאָגן: אין אַ זומפּ פֿאַרפֿירן זיך שדים. ווען דער וועלטס זומפּן זאָלן קאָנען אויסגעטריקנט ווערן, וואָלטן ניט געווען מער קיין שדים און קיין רוחות און קיין היטלערס, און אויב זיי וואָלטן נאָך אַלץ געווען, וואָלט שוין מער ניט געווען פֿאַר זיי וואָס מורא צו האָבן. עס וואָלט געווען אַ מזוזה אויף דער טיר — און אַ כשרע מזוזה... אָבער דאָס אַלץ, וועט מען זאָגן, האָט צו טאָן מיט דער צייט, ווען משיח וועט קומען, און מען טאָר ניט דוחק זיין דעם קץ, — דאָס איז אמת, אָבער מען מוז און מען דאַרף זען מקרב צו זיין די גאולה . . .

וועט עס ניט צו לאַנג דויערן? אפֿשר. אָבער קיין גרויסע פֿראַגע קאָן נישט פֿאַרענטפֿערט ווערן לייכט און שנעל, און עס זיינען דאָ אויך אַזוינע פֿראַגן, וואָס דער איינציקער ענטפֿער אויף זיי איז: תיק"ו. מען קאָן פֿאַרלייכטערן די יסורים, וואָס מען האָט פֿון זיי אויסצושטיין, איינגאַנצן פֿון זיי פֿריי ווערן, קאָן מען נישט, — און עס איז אפֿשר גאָר ניט אַזאַ אומגליק, ווייל וואָס וואָלטן מיר געטאָן, ווען עס זאָלן ניט זיין מער קיין פֿראַגן און מען זאָל ניט דאַרפֿן מער זוכן אויף זיי קיין ענטפֿערס? מיר דאַכט, אַז די ייִדישע פֿראַגע, די פֿראַגע פֿון אַ פֿאָלק צווישן פֿעלקער, די פֿראַגע פֿון אַן אַלטן פֿאָלק צווישן בערך יונגע פֿעלקער, די פֿראַגע פֿון אַ פֿאָלק, וואָס זוכט שוין לאַנג רעכט אָנשטאָט מאַכט — צווישן פֿעלקער, וואָס האָבן מיט דער תאווה פֿון „כל דאלים גבר" ערשט דאָ ניט לאַנג זיך אָנגעהויבן צו ראַנגלען, — מיר דאַכט, אַז אָט־די גרויסע און מוראדיק פֿאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעם געהערט צו די פּראָבלעמען, וואָס עס איז לייכטזיניק צו וועלן פֿאַר זיי געפֿינען אַ לייכטן און אַ שנעלן ענטפֿער . . .

איז עס צו פּעסימיסטיש? אפֿשר. אָבער דאָס איז אַ פּעסימיזם, וואָס לערנט אונדז צו זיין ווייטזיכטיק און צו האָבן געדולד, — און ער איז, אין יעדן פֿאַל בעסער פֿון יענער לייכטגלויביקייט, וואָס געפֿינט כלומרשט אַלץ נייע, אַלץ מער „וויסנשאַפֿטלעכע" אָדער אַלץ מער „ראַדיקאַלע" מיטלען ווי צו מאַכן אַסוף צום אַנטיסעמיטיזם — און ברענגט אונדז, סוף

כל סוף, צו יאוש און מורא, אָנשטאָט אונדז צו פירן אויף דעם וועג, אויף וועלכן מיר גייען שוין טויזנטער יאָר, אויף דעם וועג פון געדולד און גלויבן.

איך גלויב — און דאָ גיי איך איבער צו אַ קורצן סך־הכל פון מיינע, אַביסל צו לאַנגע, ווייל ניט גענוג זיכערע, אני־מאמינס — איך גלויב, אַז אונדזער סטראַטעגיע און אונדזער טאַקטיק בנוגע צו אונדזערע שונאים קאָן ניט און דאַרף ניט באַשטיין אין מאַטערן זיך צו מאַכן זיי פאַר אויס שונאים, נאָר אין העלפן שאַפן תנאים, ביי וועלכע זייער שנאה צו אונדז זאָל זיין אומשעדלעך, תנאים, ביי וועלכע זיי זאָלן אונדז ניט קאָנען בייסן, און אויב זיי וועלן נאָך אַלץ בילן, — זאָלן זיי בילן, די כלבים. כ׳גלויב, אַז כל זמן די שלאַנג, די אור־שלאַנג, דער נחש הקדמוני, וועט זיך אַרומדרייען אין אדם און חוהס געזעלשאַפט, איז קעגן זיין גיפט פאַראַן נאָר איין מיטל — קעגנגיפט. און ער באַשטייט, פון איין זייט, אין העלפן פאַרשטאַרקן אין דער וועלט און אין יעדן לאַנד באַזונדער די ווירקונג פון יענעם מיעוט, וואָס איז שוין לאַנג אַרויס פון דזשאַנגל און וואָס וויל און קאָן אויך אַנדערע אויסלערנען און צוגעוואוינען ביס־לעכווייז צו אויפהערן קריכן מאָראַליש אויף אַלע פיר, און פון דער אַנ־דער זייט איז דער קעגנגיפט — אונדזער אייגענע מאָראַלישע ווידער־שטאַנדס־קראַפט, אונדזער צוריקגעווינען די פייאיקייט, כ׳וואָלט געזאָגט, די קונסט, וואָס פריערדיקע יידישע דורות האָבן פאַרמאָגט, — די קונסט צו סובלימירן די אייגענע ליידן, די ליידן פון „אַ שעפּעלע צווישן וועלף״, און צו מאַכן פון פיזישער שוואַכקייט גייסטיקע גבורה. כ׳גלויב, אַז מיט אַ פאַרטיפטן יידיש־עטישן באַוואוסטזיין, קאָן מען עס אויך דערגרייכן, ניט נאָר מיטן באוואוסטזיין פון רעליגיעזער אויסדערוויילטקייט.

דער עיקר אָבער איז — אויפזאַמלען אונדזערע אייגענע כוחות און די כוחות פון אונדזערע פריינד ניט אַזוי אויף אָפּצושלאָגן די אַנטיסע־מיטישע טענות און ענטפערן אויף די בלבולים, ווי אויף אָפּשאַפן אין דער אַרומיקער וועלט און אין אונדזער אייגענעם לעבן די אומשטענדן, וואָס מאַכן מעגלעך פאַר אונדזערע שונאים איבערצוגיין פון ווערטער צו מעשים.

מיר דאַכט, אגב, אַז מיר גיבן זיך צופיל אָפּ מיט דער פראַגע „מיר און זיי״, און צו ווינציק מיט זיך אַליין. אונדזערע געזעלשאַפטלעכע און אַפילו אונדזערע גייסטיקע אַקטיוויטעטן זיינען צופיל געווענדט כלפי חוץ און ניט גענוג — כלפי פנים. מיר מוזן זיך שטעלן מיטן פנים צו אונדזער אייגענעם אינעווייניקסטן לעבן. מיר מוזן זיך שיצן — געוויס,

אָבער אַז אַך און ווי איז צו אַ געזעלשאַפֿט, וואָס איז אַזוי שטאַרק אַריינגעטאָן אין זעלבסטשוץ, אַז עס בלייבט איר ניט גענוג צייט און גענוג ענערגיע פֿאַר זעלבסט־קריטיק און זעלבסט־אויסבעסערונג.

און ווען איך זאָג, מיינע פֿריינט, מיר מוזן זיך שטעלן מיטן פּנים צו אונדזער אייגענעם אינעווייניקסטן לעבן, מיין איך אונדזער גאַנצן לעבן, ניט נאָר דעם אָדער יענעם טייל זיינעם, אונדזער לעבן אומעטום — סיי אין די לענדער פֿון גלות, סיי אין ארץ ישראל. כ'האָב פֿריער אָנגעוואונקען אויף דער נייטיקייט פֿון אינטעגראַלער יידישקייט אין צייט, אָבער אויך אין אָרט מוז אונדזער יידישקייט אינטעגרירט ווערן. ניט נאָר מוזן זיין פֿאַר אונדז אָפֿן אַלע עפּאָכעס אין דער יידישער געשיכטע, און ווען נאָר מיר געפֿינען אַן אוצר, אַ גרויסן ווערט, דאַרפֿן מיר אים אַריינעמען, ווי אַ דינאַמישן כוח, אין דעם קרייז פֿון אונדזער ווייטערדיקער קולטור־ענטוויקלונג. אויך אין דער איצטיקער צייט מוז דער גאַנצער שטח פֿון אונדזער לעבן, ניט נאָר איין טייל זיינער, געאַקערט און פֿאַרזייט ווערן.

דאָס שליסט ניט אויס חילוקי דעה'ס און אידייען־געראַנגל.

בנוגע צו דער פֿאַרגאַנגענהייט קאָן איין יידישע גרופּע מאַכן פֿאַר איר אויסגאַנגס־פּונקט איין תקופה, זאָגן מיר, די תקופה, ווען מיר האָבן געהאַט אַן אייגענע מלוכה, און אַן אַנדער ריכטונג קאָן שטעלן אין צענטער אַן אַנדער געשיכטלעכע עפּאָכע, זאָגן מיר, די עפּאָכע, וואָס ציט זיך זינט מיר זיינען געוואָרן אַ וועלט־פֿאָלק, אָבער קיינער טאָר ניט זאָגן, אַז נאָר די געשיכטע פֿון גלות־לעבן איז אונדזער געשיכטע, פּונקט אַזוי טאָרן מיר זיך ניט פֿאַרגינען אָנצואווענדן דעם מעטאָד פֿון עקסקלוזיוויטעט בנוגע צו דעם אָדער יענעם יידישן ישוב. מיר טאָרן ניט איינשליסן אונדזער גאַנצן נאַציאָנאַלן לעבן און שטרעבן אין די ראַמען פֿון אונדזער אייגענעם לאַנד, פּונקט אַזוי ווי מיר קאָנען זיך ניט באַנוגענען מיט די מעגלעכקייטן פֿון אַ פֿאָלקס־לעבן, וואָס מיר האָבן אין דיאַספּאָראַ. דער אונטערשייד צווישן ציוניסטן און ניט־ציוניסטן קאָן, מיט אַנדערע ווערטער, ניט באַשטיין אין דעם, וואָס די ערשטע זאָלן אינגאַנצן מבטל זיין דעם גלות און די צווייטע — אונדזערע דערגרייכונגען און האָפֿענונגען אין ארץ ישראל. עס קאָן זיין אַן אונטערשייד נאָר אין דער אַקצענטירונג אָדער אין דעם אויסגאַנגס־פּונקט.

איך קאָן פֿאַרשטיין אַ ציוניסט, וואָס זאָל אַזוי ווי אַמאָל אחד העם אָדער אַזוי ווי די איצטיקע „רעקאָנסטרוקציאָניסטן“, גלויבן, אַז „מציון תצא תורה“, אַז די אויפֿגעלעבטע יידישע געזעלשאַפֿט און יידישע קולטור אין ארץ ישראל וועט מיט אירע גרויסע אויפֿטואונגען שטאַרקן דעם

געמיט און די נאַציאָנאַלע ווידערשטאַנדס־קראַפֿט פֿון די יידן אין גלות. איך קאָן אָבער אויך באַנעמען אַ יידישע פֿילאָזאָפֿיע און אַ יידישע פּראָגראַם, וואָס איר אויסגאַנגס־פּונקט זאָל נאָך אַלץ זיין ניט דאָס יידישע לאַנד, נאָר דאָס יידישע פֿאָלק. געוויס איז ארץ ישראל אַ ליכטיקער פּונקט אויף דער וועלט־מאַפּע פֿון דעם יידישן פֿאָלק, אָבער, אַלע אונדזערע דערגרייכונגען אין ארץ ישראל, ווי אויך אַלע מעגלעכקייטן, וואָס ליגן דאָרט באַהאַלטן, זיינען דערווייל נאָך אַלץ אַ פּראָדוקט פֿון די מאַטעריעלע און די גייסטיקע כוחות, וואָס מיר האָבן אָנגעזאַמלט אין גלות. אַלע פּיאָנערן פֿונעם ישוב, אַלע זיינע פֿירערס, זיינען געקומען אַהין פֿון דאַנען — מהכא להתם — און נישט פֿאַרקערט. אַלע גייסטיקע און פּסיכישע ווערטן, וואָס מיר האָבן דאָרטן, איינגעשלאָסן די צוגעבונדנקייט צום לאַנד, דעם גרויסן בטחון און דעם וואונדערלעכן מסירת נפֿש, — האָבן יידן געבראַכט אַהין פֿון אַלע עקן וועלט. אַפֿילו די פֿאַראַכטונג צום גלות און זיין פֿאַרלייקענונג, האָבן מיר געבאָרגט ביי אים אַליין, — וואָס דאָס איז איינער פֿון אונדזער לעבנס סאַמע גראָטעסקע, כאָטש זייער טרויעריקע, פּאַראַדאָקסן.

איך גלויב אָבער, אַז וואָס טיפֿער יידן פֿון דער גאָרער וועלט וועלן זיך איינגראָבן אינעם ארץ ישראלדיקן באָדן, און וואָס לענגער עס וועט ליגן אין אים און וואַקסן אין אים די זריעה פֿון אונדזער מער ווי צוויי־טויזנט־יעריקער פֿאָלק־און־וועלט־דערפֿאַרונג, אַלץ מער וועט אין דער צייטיקער פּרוכט פֿונעם באַנייטן יידישן לעבן אין ארץ ישראל זיך פֿילן דער טעם און דער ריח פֿון די פֿאָלק־און וועלט־קערנדלעך, וואָס זיינען דאָרט פֿאַרזייט געוואָרן. איך גלויב, אַז ארץ ישראל און גלות ווי אַ טעזיס און אַן אַנטי־טעזיס, איז אַ צייטווייליקע זאַך, — דער רעזולטאַט פֿון אַ קאַמף־און אַ פּיאָנערן־תּקופֿה, אַ תּקופֿה וואָס איז בטבע מיליטאַנטיש און עקסטרעמיסטיש. איך גלויב, אַז פֿריער אָדער שפּעטער, וועט קומען די צייט פֿון אַ סינטעז צווישן דער ארץ ישראל קולטור און דער קולטור פֿון גלות, אַזוי ווי עס איז געקומען צו אַן אויסגלייך און אַ האַרמאָניזירונג פֿון טראַדיציע און רעפֿאָרם, אָדער פֿון משכּילישן הקוי של התבטלות און נאַציאָנאַלן חקוי של התחרות, באַנוצנדיק אחד העמס טערמינאָלאָגיע.

איך גלויב — כּדי אָנצואווייזן אויף נאָך איין קאָנקרעטן פּונקט, — אַז ניט בלויז די תּרבות פֿון ארץ ישראל און די קולטור פֿון גלות, אויך די צוויי שפּראַכן, וואָס סימבאָליזירן מיט זיך אָט־די ביידע קולטור־צווייגן אונדזערע, העברעאיש און יידיש, קאָנען און וועלן ווערן צוריק, וואָס זיי זיינען געווען, אַ גלייכע פּאָר אָדער, ווי ביאַליק האָט זיך אויסגעדריקט, אַ זיווג מן השמים. אויב יידיש און דער גאַנצער קולטור־פֿאַר־

מעג פֿון יידיש, פֿאַרנעמען נאָך אַלץ ניט אין ארץ ישראל, אין איר דערציאונג און בילדונג־סיסטעם, דעם אָרט, וואָס זיי דאַרפֿן פֿאַרנעמען, איז עס ניט צוליב דער אויפֿלעבונג פֿון העברעאיש, נאָר מחמת דער ניט־פֿאַרענדיקייט פֿון דער דאָזיקער אויפֿלעבונג. די העברעאיסטן האָבן נאָך אַלץ מורא פֿאַר דער קאָנקורענץ פֿון יידיש, כאָטש איך פֿארשטיי ניט, פֿון וואַנען עס נעמט זיך ביי זיי די מורא פֿאַר עפּעס, וואָס זיי זיינען אַזוי מבטל. ווען זיי וועלן זיך דערפֿילן אינגאַנצן זיכער און איינגעפֿונדעוועט, וועט אין דער ארץ־ישראלדיקער, אַזוי ווי אין דער היגער יידישער דערציאונג און בילדונג־סיסטעם מוזן אָפּגעראַמט ווערן אַן אָרט — און אַ חשובער אָרט — פֿאַר דער שפּראַך, דעם פֿאָלקלאָר און דער ליטעראַטור, וואָס זיינען פֿון אונדז אין משך פֿון די לעצטע טויזנט יאָר באַשאַפֿן געוואָרן און וואָס האָבן אונדז באַגלייט אויף אַלע אונדזערע וואַנדער־וועגן.

און צום שלוס — ניט געקוקט אויף די אַלע פֿינצטערע און ביטערע דערפֿאַרונגען, וואָס קאָנען דעם גלויבקסטן יידן מאַכן פֿאַרן גרעסטן אַפּיקורס און כופֿר בעיקר, ניט געקוקט אויף דער וועלטס ירידה און געפֿאַלנקייט, גלויב איך, אַז זי וועט קומען צו זיך, אַז זי וועט אויפֿשטיין, זיך אויפֿהייבן און ווידער גיין באַרג אַרויף, און דערפֿאַר גלויב איך, אַז אויך ביי אונדז יידן איז ניט עק וועלט, און אויב איין עפּאָכע אין דער וועלט־געשיכטע פֿון דעם יידישן פֿאָלק האָט זיך געענדיקט, וועט זיך אָנהייבן אַ נייע עפּאָכע מיט נייע אילוזיעס און נייע מעגלעכקייטן.

ב.

ישראל — פאלק און לאַנד *)

פֿריער — עטלעכע טרוקענע פֿאַקטן און אַ פּאָר פֿראַגן. זיי זײַנען שייך צו דער דעמאָגראַפֿיע, צו דער געשיכטע און צו דעם איצטיקן מצב פֿון ישראל — אין בײדע זינען פֿונעם וואָרט.

אויף יעדן אײנעם פֿון דעם מיליאָן יידן אין דער יידישער מדינה, איז ווינציקסטנס פֿאַראַן אַ מנין דיאַספּאָראַ־יידן. אמת, די טויערן פֿון ישראל זײַנען אָפֿן — און זיי וועלן לאַנג, האָפֿן מיר, זײַן אָפֿן פֿאַר נײַע עולים; אָבער האָבנדיק אין זינען, פֿון אײן זײַט, דעם נאַטירלעכן צו־וווּקס פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין די אַמעריקעס און אין אַנ־דערע לענדער, און פֿון דער אַנדער זײַט, די אומפֿאַרמײדלעכע גרענעצן פֿון דער אײַנוואַנדערונג־און אַבסאָרבירונג־מעגלעכקייט פֿון דער יידישער מדינה, איז ניט צו גלויבן, אַז די אָנגעוויזענע פּראָפּאָרציע צווישן דער צאָל יידן אין דער וועלט און דער יידישער ישראל־באַפֿעלקערונג זאָל אין דער נאָענטער צוקונפֿט זיך שטאַרק ענדערן. אמתער קיבוץ גליות איז, נישט געקוקט אויף די כל המינים פּלענער און ענטוזיאַסטישע לאָזונגען, נאָך אַלץ מער אַ וויזיע, ווי אַווירקלעכקייט. דאָס, וואָס האָט באַקומען דעם פּאָפּולערן נאָמען אתחלתא דגאולה, איז געוויס אַ קייט פֿון ערשט־ראַנגיקע היסטאָרישע געשעענישן און מען טאָר זייער ווערט בשום אופֿן נישט פֿאַרמינערן, אָבער מען טאָר אויך נישט פֿאַרזען, אַז דער טראָפּ שטייט נאָך אַלץ אויף דעם ערשטן, ניט אויפֿן צווייטן טייל פֿונעם דער־מאָנטן אַראַמײאיש־העברעאישן אויסדרוק: ס'איז נאָך אַלץ אַן אָנהייב;

---

*) לויט אַ רעפֿעראַט, געלייענט בעתן סימפּאָזיום פֿון דזשואיש טי־אָלאָדזשיקאַל סעמינאַרי „וועגן דער צוקונפֿט פֿון יידישקייט אין אַמעריקע״, 5טן יולי, 1950.

צום קץ איז נאָך זייער ווייט, און אמת פרומע יידן הערן נישט אויף מתפלל צו זיין, אַז דער אמתער גואל, משיח צדקנו, זאָל קומען — במהרה בימינו, אמן. זיי הערן זיינע טריט, עקבתא דמשיחא, — געוויס; זיי פילן — אוי, ווי זיי פילן! — די חבלי משיח; אָבער זיי ווייסן פון יידיש־היי־סטאָרישער דערפאַרונג, ווי גרויס עס איז די געפאַר צו לאָזן זיך איינ־ריידן, אַז משיח איז שוין געקומען.

משיח שוועבט נאָך ערגעץ אין די הימלישע וואָלקנס, נוצנדיק דעם באַקאַנטן אויסדרוק. און פונדעסטוועגן ווערט שוין פאַרשפרייט די טע־אָריע, — דערהויפּט אין ישראל, אָבער צום טייל אויך צווישן ציוניסטן אין אַמעריקע, — אַז דער צענטער, — אויב נישט דער פּאָליטישער, איז דער קולטורעלער צענטער פון ישראל דעם פאָלק איז שוין איצט אין דעם לאַנד ישראל. פרעגט זיך, ווי איז עס מעגלעך? עס האָט שוין, אמת טאַקע, ניט איינמאָל געטראָפן, אַז איין צענטל פון אַ פאָלק (און נאָך ווינציקער) זאָל קאָנטראָלירן גייסטיק און קולטורעל דאָס לעבן פון זיינע איבעריקע ניין צענטל; אָבער ווען איז עס געוועדט געוואָרן? ווען יענע געפינען זיך אויפן אָרט. אונדזערע ניין־צענטל לעבן אין אַנדערע לענדער, אויף אַנ־דערע קאָנטינענטן, וואו זיי פּאַסן זיך צו און מוזן זיך צופּאַסן צו אַן אַנ־דער פיזישן און גייסטיקן קלימאַט. און אויב עס איז ריכטיק — און עס איז ריכטיק — אַז דער ענין פונעם נייעם ישוב אין ישראל איז אַן ענין ניט אַזוי פון צאָלן, נאָר פון קוואַליטעט, ניט אַזוי פון געאָגראַפיע, ווי פון געשיכטע, — איז די פראַגע נאָך האַרבער. ווי קאָן דער ישוב אין ישראל ווערן קולטורעל אַ מוסטער פאַר אַלע אַנדערע, — דורך אָקעאַנען און קאָנטינענטן אָפּגעטיילטע יידישע ישובים, — אויב ער איז אַזוי שטאַרק אַנדערש און מוז ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער אַנדערש פון זיי נישט בלויז מאַטעריעל, נאָר אויך גייסטיק, אויך קוואַליטאַטיוו?

דאָס איז אַ פראַגע, וואָס מען קאָן זי בשום אופן נישט אוועקמאַכן אונטערן האַנט. אמת טאַקע, דער „דריטער חורבן", ווי מען רופט גע־וויינטלעך חורבן אייראָפּע, — פון איין זייט, און פון דער אַנדער זייט, דאָס אומגעריכטע ווייזן זיך — צום דריטן מאָל אין דער געשיכטע — פון יידישער מלוכהשאַפט — האָבן אין דער כסדר זיך ענדערנדיקער יידישער וועלט־מאַפּע אַריינגעטראָגן גרינטלעכע, נעגאַטיווע און אויך פּאָזיטיווע, ענדערונגען; אָבער נישט געקוקט אויף זיי, איז די יידישע וועלט־מאַפּע, אין תוך גענומען, געבליבן, ווי געווען. זי איז איצט, אַזוי ווי אַלעמאָל, די מאַפּע פון אַ פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט אי־בער אַלע זיבן ימען.

אַחוץ דעם געאָגראַפֿישן אָדער דעמאָגראַפֿישן פֿאַקט, מוז מען נאָך
געדענקען אַ צווייטן, פּונקט אַזאַ אומצווייפֿלהאַפֿטן, פֿענאָמען פֿון דער יידי־
שער געשיכטע: איר ווייט לענגערע העלפֿט איז פֿאַרלאָפֿן אויסער די
גרענעצן פֿון דעם לאַנד ישראל. לויט דער טראַדיציע זיינען די צוויי
עמודי התוך פֿון אונדזער גייסטיק־היסטאָרישער עקסיסטענץ — די תורה
שבכתב און די תורה שבעל פּה — אויפֿגעשטעלט געוואָרן — איינער
(תורת משה) — ווען מיר האָבן געוואַנדערט איבערן מדבר, אויפֿן וועג
צום צוגעזאָגטן לאַנד און דער צווייטער (תלמוד) — ווען יידן זיינען צום
גרעסטן טייל שוין פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון זייער לאַנד... דאָס איז דער
מיטאָס. היסטאָריש באַטראַכט איז די לאַגע אַ היפּש ביסל אַנדערש. אָבער
אַלץ איינס, וואָס פֿאַר אַ קוק מיר זאָלן נישט האָבן אויפֿן פֿיל־געשטאַל־
טיקן פּראָצעס, וואָס האָט געפֿירט צו אונדזער ווערן אַ פֿאָלק, — צו אונד־
זער ווערן דאָס פֿאָלק, וואָס מיר זיינען — ד. ה. ניט קיין האַלב־געצענדי־
געריש פֿאָלק און נישט קיין קאַראַאימער פֿאָלק — דער דאָזיקער היסטאָ־
רישער פּראָצעס איז פֿאָרגעקומען מער אויסער, ווי אין די גרענעצן פֿון
לאַנד ישראל. אַפֿילו די נביאים, — די ערשטע, וואָס האָבן אי אַנטפּלעקט,
אי באַשטימט אונדזער אַנדערשדיקייט — האָבן זיך באַוויזן סיי צווישן
די בערג פֿון יהודה, סיי ביי די טייכן פֿון בבל. דערביי איז דאָ אַ גרויסער
אונטערשייד צווישן דער ווירקונג, וואָס דער איינציקאַרטיקער גייסטי־
קער פֿענאָמען, וואָס הייסט נביאות, האָט געהאַט אין ארץ ישראל און זיין
ווירקונג אין חוץ לארץ. כדי צו באַנעמען די אומגעהייערע וויכטיקייט
פֿון אָט דעם גוואַלדיקן אונטערשייד, איז נייטיק צו דערמאָנען זיך, אַז
נביאות, האָט געהאַט צוויי ענטוויקלונגס־פֿאַזן. אין דעם ערשטן פֿאַזיס איז
עס געווען אַן ענין פֿון גאָט־געשיקטע, אָבער פֿון פֿאָלק און זיינע פֿירערס
נאָך נישט דערהערטע, אָדער נאָך נישט אָנגענומענע יחידים, און דאָס
איז דערהויפּט געווען דער ארץ ישראל־פֿאַזיס. דער צווייטער פֿאַזיס —
דער פּראָצעס פֿון דעם יידישן פֿאָלקס אַיינזאַפּן אין זיך די רייד און די
אידייען פֿון די נביאים, דער פּראָצעס פֿון זיין אָנהייב זיי אויסצודריקן און
צו פֿאַרקערפּערן אין זיינע גלויבונגען און פֿירונגען, אין זיינע שטרע־
בונגען און אינסטיטוציעס, — דער דאָזיקער פּראָצעס האָט זיך אָנגע־
הויבן ערשט דאַן, ווען ניט דאָס לאַנד, נאָר דאָס פֿאָלק ישראל איז גע־
וואָרן די אַרענאַ פֿון יידישער געשיכטע. כל־זמן ישראל דאָס פֿאָלק איז
געווען אידענטיש מיטן לאַנד ישראל, האָבן יידן פֿון זיך אַרויסגעגעבן
אויך אַן אַ שיעור פֿאַלשע, נישט נאָר אמתע נביאים, און די פּאַקטישע
יידישע פֿירערס זיינען געווען אָפֿט דווקא די נביאי השקר, די נביאי

הבעל, די, וואָס האָבן געוואָלט, אַז יידן זאָלן זיין אַ פֿאָלק, ווי אַלע אַרו־מיקע פֿעלקער, אַז יידישע מלכים זאָלן זיין ווי אַלע אַנדערע מלכים און די יידישע מלוכה, — ווי אַלע אַנדערע מלוכהס. ערשט שפּעטער — ווען יידן האָבן פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון גלות, האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַנעמען די רייד פֿון זייערע אמתע נביאים און זייערע וועגן. ערשט דאַן איז זייער חוש השמיעה געוואָרן גענוג פֿיין און איידל אַז זיי זאָלן קאָנען פֿאַר־נעמען דעם הייליקן רוף: „שמע, ישראל, ד׳ אלהינו ד׳ אחד״. ערשט דאַן האָט גאָט און זיין געבאָט אָנגעהייבן צו ווערן דער טיפֿסטער קוואַל פֿון זייער לעבן און דער העכסטער באַרג־שפּיץ פֿון זייער שטרעבן. און עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך גאָטס געזאַלבטער, משיח, איז דאַן ערשט גע־וואָרן דער חלום פֿון זייערע חלומות.

איך דערמאָן דאָס לעצטע דערפֿאַר, ווייל דער גלויבן אין משיחס צייטן, אָט די וואונדערלעכע וויזיע פֿון אחרית הימים, אָט די „צוקונפֿט־מוזיק״, וואָס האָט זיך אין דער יידישער פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע צונויפֿגע־גאָסן מיט דער „מוזיק פֿון די ספֿערן״, מיט דעם אידעאַל פֿון דער וועלטס און דעם יחידס האַרמאָנישער שלמות, מיט דעם אידעאַל וואָס האָט אונדז באמת דערנענטערט צו דער מדרגה פֿון אַן „אויסדערוויילטן פֿאָלק״ אָדער גאָטס פֿאָלק, — אָט דער חלום פֿון דעם מענטשנס און דעם יידנס קומענ־דיקער אויסלייזונג האָט נישט ווינציקער, אויב נישט נאָך מער ווי דער גלויבן אין איין גאָט, געהאָלפֿן פֿאָרמירן אונדזער גייסטיקע אינדיווידו־אַליטעט און צו מאַכן אונדז פֿאַר דעם פֿאָלק, וואָס זעט און זוכט דעם „אדם השלם״, די פּערפֿעקטע געשטאַלט, ניט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, נאָר אין דער צוקונפֿט. און אָט דער וואונדערלעכער, פֿאָלק־שאַפֿנדיקער און וועלט־אַרומנעמענדיקער מיטאָס האָט זיין טיפֿסטע השפּעה אויף אונדז געהאַט ניט אין די — ס׳רוב קאַטאַסטראָפֿאַלע — מאָמענטן, ווען דעם פֿאָלק אָדער אַ טייל פֿון אים האָט זיך געחלומט, אַז זיין חלום ווערט מקוים, נאָר אין די — מער רואיקע און „נאָרמאַלע״ — צייטן, ווען מיר האָבן דעם חלום געחלומט, גלויבנדיק ניט אין משיחס האָבן געקומען, נאָר אין זיין קומען, — מעג ער זיך ווי זאַמען . . .

אויב דאָס איז אַלץ ריכטיק, מיינט עס, אַז אַזאַ פֿאָלק, ווי מיר זייי־נען, זיינען מיר געוואָרן ניט אין די קורצע — האַלב־פּרע־היסטאָרישע — עטלעכע הונדערט יאָר, ווען מיר זיינען טעריטאָריעל געווען קאָנצענ־טרירט און פּאָליטיש זעלבסטשטענדיק אָדער האַלב־זעלבסטשטענדיק, נאָר אין יענע לאַנגע יאָרטויזנטער, ווען מיר האָבן עס אויפֿגעהערט צו זיין, אין יענער לאַנגער „גלות־נאַכט״, וואָס איר הימל איז געווען אָפֿט אויס־

געשטערנט און ניט אַלע מאָל פינצטער, ווי מען וויל אונדז אײַנריידן, — אין יענע עקאָנאָמיש און רעכטלעך אומזיכערע, אָבער גייסטיק רייכע און טיף־שעפערישע — עפּאָכעס, ווען מיר זיינען געווען אַ ליכט, אויב נישט פאַר די פעלקער, כאָטש אָפּט אויך פאַר זיי, איז פאַר זיך אַליין און ווען, — כדי צו ברענגען אַ פּאָר קאָנקרעטע ביישפּילן — ריינע און הייליקע תּפילות האָבן פאַרביטן דאָס אומריינע און טמאדיקע בלוט פון קרבנות, ווען קאָנצענטרירטקייט פון גייסט האָט שטאָלץ פאַרנומען דעם אָרט פון פיזישער קאָנצענטרירטקייט און ווען אמתע, אינעווייניקסטע, רעליגיעז־עטישע און גייסטיק־קולטורעלע, זעלבסטשטענדיקייט האָט אונדז קאָמפּענסירט פאַר דער כלומרשטער אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד און מלוכה.

אין משך פון אָט דעם מער ווי צוויי־טויזנט־יאָריקן פּראָצעס (ווי היסטאָריקער שאַצן, איז נאָך פאַרן צווייטן חורבן אין חוץ לארץ געווען נישט אין ערך מער יידן, ווי אין ארץ ישראל) — זיינען מיר פון אַ לאַנד־פּאָלק, וואָס האָט צוויי מאָל פאַרלוירן זיין לאַנד און מער ווי צוויי מאָל זיין פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, געוואָרן אַן עם עולם אין ביידע זינען פון דעם דאָזיקן אויסדרוק, ד. ה. אי אַ וועלט־פּאָלק, אי אַן „אייביק" פּאָלק.

פרעגט זיך ווי איז עס געקומען דערצו, אַז אָט דער היסטאָרישער וועג וואָס האָט פון לאַנד געפירט צו וועלט און פון פּאָליטיק צו גייסטיקער קולטור, — זאָל זיך מיטאַמאָל פאַרקערעווען צוריק און ווידער אַמאָל אונדז פירן צו לאַנד און מלוכה, צו „באָדן און בלוט", שטעלנדיק אַזאַ אַלטן פּאָלק פאַרן נסיון צו ווערן ווערן אַ „ניי געבוירן פּאָלק". ווי איז עס געקומען צו אַן איבערקערעניש, וואָס איז אַן איבערקערעניש אין אונדזער פאָלקס־געשיכטע, נישט בלויז אין זיין געאָגראַפיע? ווי איז עס געקומען דערצו — און ווי קאָן עס געמאָלט זיין, — אַז די ערשטע, קלענערע און גייסטיק אָרעמערע, קולטורעל־פרימיטיווערע העלפט פון אונדזער לאַנגן היסטאָרישן וועג זאָל זיך פאַרמעסטן אײַנצושלינגען די צווייטע, גרעסערע, געהייבענערע, מער שעפערישע און גייסטיק מער אייגנאַרטיקע און מער זעלבסטשטענדיקע העלפט?

שטעלן אַזאַ מין פראַגע וואָלט געווען אפשר אַ לוקסוס, וואָס מען קאָן זיך נישט פאַרגינען, ווען עס זאָל זיין ריכטיק, אַז דאָס לאַנד ישראל ווערט באמת אַ היים פאַרן פאָלק ישראל, פאַרענטפערט מיט אַן אמת די „יידישע פראַגע", ראָט־אויס דעם אַנטיסעמיטיזם, ברענגט בכלל רעכטלעכע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע גאולה און מאַכט אַ סוף צום „גלות". עס

וואָלט אפשר טאַקע באמת געווען דאָן־קיכאָטיש צו זאָרגן זיך פֿאַרן פֿאָלקס שבת, פֿאַר זיין נשמה יתירה, ווען עס קומט אַ ישועה אויף זיין נאָך הילף רופֿנדיקער טאָג־טעגלעכקייט. אָבער... דאָס איז דאָך נאָר צום טייל ריכטיק, ישראל איז פֿאַר דער מערהייט יידן נישט געוואָרן קיין היים; די לאַגע פֿון יידן אין אַנדערע לענדער האָט ישראל נישט געענדערט . . . מוז מען, דעריבער, ערנסט באַטראַכטן די שטרעבונג צו רעדוצירן עם ישראל צו ארץ ישראל. אָבער פֿריער לאָמיר זיך פּרואוון אַריינטראַכטן אין נאָך צוויי פֿאַקטן אָדער, ריכטיקער, פֿאַקטאָרן. זיי זייענען דעצידירנדיק פֿאַר אונדזער איצטיקן מצב און אונדזער גורל אין דער נאָענטער צוקונפֿט. דער ערשטער פֿאַקטאָר איז דורכאויס אַ נעגאַטיווער: דאָס איז די פֿיזישע צעשטערונג פֿון די אַיינגעפֿונדעוועטסטע יידישע ישובים אין איין טייל אייראָפּע און זייער גייסטיקע אַנולירונג אין אַן אַנדער טייל, — אַ צעשטערונג, וואָס מען וואָלט געמוזט זיין אַזוי מאָראַליש פערווערז, ווי די, וואָס זיינען שולדיק אין איר, כדי זי צו קענען האָבן פֿאָראויסגעזען. דער צווייטער — שוין ניט דעסטרוקטיווער, נאָר, פֿאַרקערט, העכסט שעפֿערישער — כוח, וואָס מען דאַרף אַקצענטירן, איז דער באמת ניסימדיקער אויפֿקום פֿון מדינת ישראל. (ער איז ניסימדיק דערפֿאַר, ווייל ער איז אַ רעזולטאַט פֿון יענעם אומגלויבלעכן פּלאָנטער פֿון אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען, וואָס עס איז נישט לייכטער געווען פֿאָראויסצוזאָגן ווי דעם שיער ניט אַפּאָקאַליפּטישן חורבן אייראָפּע). טראַכט מען זיך טיפֿער אַריין אין אָט די צוויי אויסערגעוויינטלעכע היסטאָרישע דראַמעס, דער פֿינצטערער און דער ליכטיקער, — מוז מען זיך אַליין פֿרעגן, צי איז עס טאַקע ריכטיק, אַז די ערשטע איז דורכאויס אַ רעזולטאַט פֿון אונדזער שוואַכקייט און אומבאַהאָלפֿנקייט אין גלות, בעת די צווייטע זאָגט כשרע עדות אויף דעם גרויסן כוח פֿון ארץ ישראל? מ'מוז זיך אַליין פֿרעגן צי איז אָט די אויסטייטשונג, וואָס איז איצט אַזוי פּאָפּולער, — ניט אַ ביסל צו איינזייטיק און צו פֿאַראייפֿאַכט? מען מוז פֿרעגן: צי וואָלט אונדזער פֿיזישע אומבאַוואָפֿנטקייט געמוזט פֿירן צו מאַידאַנעק און טרעבלינקע אָן דעם באַוואָפֿנטן שונאס פֿולער מאָראַלישער און גייסטיקער דעגענעראַציע? וואָלטן מיר געווען געצוואונגען צו ברענגען אַזוינע — און אַזוי פֿיל — קרבנות, ווען ניט די צוויי וועלט־מלחמהס, אָט די איבערקערעניש פֿון סדום און עמורה? און נאָך איין זאַך וואָלטן מיר זיך געמוזט קלאָר מאַכן. מען זאָגט אונדז אַז די לוטס, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פֿון דעם גלות'ס, אָדער סדומס גיפֿטיקע גאַזן, גזלות און רציחות, האָבן זיך געראַטעוועט אין און דורך דעם לאַנד

ישראל, — און עס איז זיבער פֿאַראַן אין דעם אַ שטיק אמת; אָבער איז דען ניט פּונקט אַזאַ אמת, אַז ווען ניט די הילף פֿון גלות, ווען ניט זיינע מאַטעריעלע און גייסטיקע כוחות, וואָלט מדינת ישראל גופֿא נישט געקאָנט אויפגעבויט ווערן? איז דען, אין תוך גענומען, ניט אמת, אַז דאָס פֿאָלק ישראל, דאָס יידישע וועלט־און גלות־פֿאָלק האָט מיט זיינע מאָראַלישע און מאַטעריעלע מיטלען געשאַפֿן דאָס לאַנד ישראל און ניט פֿאַרקערט?

מיר האָבן דערמאָנט דעם משיח־גלויבן, וואָס איז אין גלות געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פֿונעם יידישן רעליגיעזן גלויבן בכלל און וואָס האָט אין אַזאַ הויכער מאָס געהאָלפֿן פֿאַרמירן און אויפֿהאַלטן די אינעווייניקסטע גאַנצקייט פֿונעם יידישן פֿאָלק. איז עס געווען אַ פֿיבערנדיק וואַרטן אויף שיבת ציון — און מער גאָרנישט?

געבוירן געוואָרן, לויט דער פֿאָלקסלעגענדע, אין דעם זעלביקן טאָג, ווען דער גלות האָט זיך אָנגעהייבן, האָט משיח, ד. ה. דעם פֿאָלקס גלויבן אין אים, אים באַגלייט, ווי אַ גוטער טרייסטנדיקער מלאך, ווי די שכינה אַליין, אויף זיינע אַלע וואַנדער־וועגן, — און נישט געלאָזט פֿאַרוואָקסן ווערן דעם וועג, וואָס פֿירט „צוריק אַהיים". אָבער די זעלביקע משיח־האָפֿענונג, וואָס סימבאָליש איז זי געווען די האָפֿענונג אויסגעלייזט צו ווערן פֿון גלות — איז פֿאַקטיש געווען איינער פֿון די באַהאַלטענע כוחות, וואָס האָבן אונדז געשטאַרקט און געמוטיקט אין גלות גופֿא, געבנדיק אונדז די אינעווייניקסטע מעגלעכקייט צו וואַרטן אויף משיחס קומען, צו וואַרטן און וואַרטן און נישט אויפֿהערן צו וואַרטן אויף אים, מעג ער זיך ווי לאַנג פֿאַרזאַמען... דאָס, וואָס דעם פֿאָלקס, אַזוי ווי דעם גרויסן ספֿרדישן פּאָעטס, „הארץ" איז געווען אין „מזרח", האָט אים אָן קיין שום ספֿק געגעבן כוח און מוט צו זיצן און „וואַרטן" אין „מערב"... און ווער ווייס, צי איז אַ גאולה, אויף וועלכער מען וואַרט און מען הערט ניט אויף צו וואַרטן, אַמאָל ניט אַ גרעסערער צוזאָג און אַ טיפֿערער לעבנסקוואַל, ווי אַ משיח, וואָס איז שוין געקומען? איך שטעל די פֿראַגע ניט כדי צו ענטפֿערן אויף איר, נאָר כדי צו דערמאָנען, אַז די היסטאָרישע פֿונקציע פֿונעם משיח־גלויבן איז פֿאַרן פֿאָלק, וואָס איז אין מערב, געווען וויכטיק אַפֿילו דאַן אָדער דווקא דאַן, ווען זיין הארץ איז געווען אין מזרח, זיין גאולה־חלום האָט אַרויסגעשטראַלט פֿון זיין גלות־וואָר — און זי באַשטראַלט און באַפֿרוכפּערט . . . און נישט נאָר דאָס אַליין. דער לעבנסווילן, דער לעבנסגלויבן פֿון די טיילן פֿונעם יידישן פֿאָלק, וואָס בלייבן אין מערב, בלייבן וואַרטן אויף גאולה, איז נייטיק אויך פֿאַר

יענע, וואָס נישט בלויז זייער האַרץ, נאָר זיי אַליין זיינען שוין אין מזרח. זיי, די „אויסגעלייזטע“, קאָנען, ווי געזאָגט, ניט אויסקומען אָן דער מאַ־טעריעלער און גייסטיקער הילף פֿון די, וואָס „אויסלייזונג“ איז און בלייבט פֿאַר זיי אַ ווייזיע. פונקט אַזוי ווי דער חלום פֿון גאולה איז אַ שטאַרקונג פֿאַרן גלות, איז גלות אַן אָנשפּאַר פֿאַר דער וואָר אָדער דעם טייל וואָר פֿון גאולה. דאָס איז אַלע מאָל געווען אַזוי, בפֿרט נאָך איצט. אַלעמאָל זיינען כמעט אַלע משיחים, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין פֿאַר־שיידענע לענדער און גערופֿן יידן זיך אומצוקערן „צוריק אַהיים“, — אויסגעוואַקסן אין גלות. זייער מאַכט, נישט בלויז זייער אָנמעכטיקייט, שטאַמט פֿון גלות. די מקובלים און שפּעטער די חסידים, וואָס זיינען געפֿאָרן קיין ארץ ישראל — און געפֿאָרן אָפֿט לעבן דאָרטן, ניט, ווי מען זאָגט, שטאַרבן, — לעבן אויף זייער אייגענם שטייגער: — פֿון וואַנען האָט זיך גענומען ביי זיי דער דראַנג צו אָט דער, אָפֿט מסירת־נפֿשדיקער, רעליגיעזער וואַנדערונג, אויב ניט פֿון דער יידישקייט, וואָס איז אויס־געוואַקסן און האָט זיך צעבליט אין גלות. און די בילו־יידן און די שפּע־טערדיקע חלוצים און שומרים און הגנה־מענטשן — פֿון וואַנען זיינען זיי געקומען? און די אַלע, וואָס האָבן אויפֿגעלעבט די העברעאישע קול־טור און געמאַכט העברעאיש פֿאַר אַ לעבעדיקער שפּראַך און צוגעגרייט דעם מענטשן־מאַטעריאַל פֿאַרן בנין פֿון ישראל און געהאָלפֿן בויען דעם בנין — וואו האָבן זיי אַלע גענומען זייערע גייסטיקע, מאָראַלישע און מאַטעריעלע שאַפֿונגס־כוחות, — אויב ניט אין גלות, אויב ניט אין זיין וואָר און זיין חלום, אויב ניט אין זיינע אָנגעזאַמלטע פֿאָלקס־אוצרות, אויב ניט אין זיינע אומגעהייערע שאַפֿונגס־קוואַלן, אויב ניט אין זיין מעכטיקן לעבנס־ווילן, אויב ניט אין זיינע מאָמענטאַנע פֿאַרצווייפֿלונגען און אייביקן גלויבן? וואו איז הרב קוק געוואָרן הרב קוק? וואו איז אחד העם געוואָרן אחד העם, און ביאַליק — ביאַליק? אין תל אביב? האָבן זיי גאָרנישט ניט געבראַכט מיט זיך פֿון גלות ליטע, פֿון גלות אוקראַינע? און אַ מאַרטין בובער — וואו איז ער געוואָרן, וואָס ער איז? און אַלע געלערנטע און לערערס פֿון דעם העברעאישן אוניווערסיטעט? פֿון דעם וויצמאַן־אינסטיטוט? און דער טעאַטער „הבימה“? און די פֿאָרשטייערס פֿון פּלאַסטישער קונסט, פֿון מוזיק אין ישראל — זיינען זיי אַלע סאַברעס? האָבן זיי געוואַרט אויף אוירא דארץ ישראל, אַז ער זאָל זיי מאַכן קלוג און טאַלאַנטפֿול און שעפֿעריש? זיינען זיי אין די שטעט און שטעטלעך פֿון מערב־און מזרח־אייראָפּע, פֿון וואַנען זיי זיינען געקומען, געווען טאַקע נישט מער ווי קרבנות פֿון גלות? נישט מער ווי „שקלאַפֿן אין פֿרייהייט“?

וואָלטן אַט די שטעט און שטעטלעך, וואָס אַ סך פֿון זיי האָבן יידן, אַגב, אַליין אויפֿגעבויט, וואָלטן זיי אַלעמאָל און אומעטום געווען נאָר שוואַכקייט, נאָר פּאַסיוויטעט, נאָר אומפּראָדוקטיווקייט, — וואָלטן מיר גישט נאָר ניט פֿאַרמאָגט דאָס אַלץ, וואָס מיר פֿאַרמאָגן איצט אומעטום, וואו מיר געפֿינען זיך, — מיר וואָלטן אויך ניט געהאַט דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן אין ארץ ישראל, — און ארץ ישראל וואָלט נישט געוואָרן מדינת ישראל. מיר וואָלטן נישט נאָר ניט אַרויסגעגעבן פֿון זיך די אַלע קאָלאָניסטן און חלוצים, וואָס האָבן געמאַכט פֿון מדבר ישוב, די אַלע דענקערס און טוערס, לערערס און דערציערס, שרייבערס און קינסטלערס, וואָס האָבן געשאַפֿן די נייע העברעאישע שפּראַך און דעם גאַנצן נייעם גייסטיקן קלימאַט אין ארץ ישראל און די אַטמאָספֿערע פֿון מיטגעפֿיל און מיטהילף אַרום ארץ ישראל, — מיר וואָלטן נישט נאָר דאָס אַלץ נישט געהאַט, ווען מיר זאָלן אין גלות זיין פֿאַרשאָלטן אויף אומבאַהאָלפֿנקייט און אומשעפֿערישקייט, — מיר וואָלטן נישט געקאָנט שאַפֿן אויך די אַלע דרויסנדיקע, עפֿנטלעך־רעכטלעכע, אינסטרומענטן, אָן וועלכע עס וואָלט שווער אָדער אוממעגלעך געווען צו דערגרייכן וואָס עס איז דערגרייכט געוואָרן אויף דעם היילקן, אָבער וויסטן פּאַס לאַנד צווישן דעם מיטלענדישן ים און דעם ירדן. מיר וואָלטן נישט אַרויסגעקראָגן די באַלפֿור־דעקלאַראַציע, די אַלע שפּעטערדיקע צוזאָגן און גאַראַנטיעס פֿון דער „פֿעלקער ליגע“ און די „פֿאַראייניקטע פֿעלקער“ און אַלע אַנדערע עפּאָכע־מאַכנדיקע דאָקומענטן, ווען ניט אונדזער עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און אַנדערע דערגרייכונגען אין אַמעריקע און אין אַלע איבעריקע טיילן פֿון דער דיאַספּאָרע. און אויב דאָס איז אַזוי, איז די פֿראַגע, וואָס איך האָב פֿריער געשטעלט, — די פֿראַגע וועגן קוקן אויפֿן גלות ווי בלויז אויף אַ הינטערלאַנד פֿון ישראל, זייער אַן ערנסטע פֿראַגע.

צום באַדויערן, פֿילן נישט אַלע איר שאַרף־אַקטועלע ערנסטקייט. אַ טייל ציוניסטן אין אַמעריקע און כמעט אַלע פֿירערס פֿון מדינת ישראל גלייבן און ווילן, אַז מיר אַלע זאָלן גלייבן, אַז אונדזער אָריענטאַציע און אונדזער פּערספּעקטיוו דאַרף פֿון איצט אָן זיין ניט קיין היסטאָרישע, נאָר, אַזוי צו זאָגן, אַ געאָגראַפֿישע. להיפּוך צו די אַלע, פֿריער באַטראַכטע, היסטאָרישע פֿאַקטן ווערט פֿאַרשפּרייט די טעאָריע, אַז דער קולטורעלער, אויב ניט דער פּאָליטישער, צענטער פֿון דעם יידישן פֿאָלק איז אָדער דאַרף זיין ישראל. די דאָזיקע טעאָריע בויט איר גלויבן אין ישראל דעם לאַנד, ווי אונדזער אַלעמענס צענטער, אויף איר אומגלויבן אין דעם פֿאָלק ישראל. יידן, האַלט זי, האָבן אַ צוקונפֿט נאָר אין ישראל, כאָטש

ישראל גופא האָט נישט קיין צוקונפט אָן דער הילף פון יידן אין דער גאַנצער וועלט. יידן, ווי אַ פאָלק, פאַרזיכערט זי אונדז, קאָנען זיין שע־פעריש נאָר אין דער יידישער מדינה, כאָטש די מדינה גופא וואָלט ניט אויפגעקומען און ניט געקענט האָבן קיין קיום אָן יידישער ווירקונגס־קראַפט, אָן יידישער קרעאַטיוויטעט אין אַנדערע לענדער. וויל איך זיך ניט אַרייַנלאָזן אין ווייטערדיקע חקירות וועגן דעם דאָזיקן „דיאַלעקטישן" געדאַנקענגאַנג. וואָס איך וויל דערוויַיל זאָגן, איז, אַז די עצם טענדענץ צו איגנאָרירן די לאַגע ווי זי איז איצט, און צו וועלן באַשטימען אַ פראָ־גראַם פאַרן יידישן לעבן היינט ניט אויפן סמך פון די עקסיסטירנדיקע באַדערפענישן און מיטלען, נאָר אויפן וואַקלדיקן באַזיס פון עפעס אַ נביאות־זאָגעריי, — איז נישט קיין געזונטע טענדענץ. ס'איז געוויס אמת, אַז מען דאַרף אין זינען האָבן די צוקונפט. אַז מען גרייט ניט אָן ערב שבת, זאָגט אַ יידיש ווערטל, האָט מען ניט אויף שבת. אָבער מיינט דאָס דען, אַז אַלע ששת ימי המעשה קאָנען מיר זיך פאַרגינען צו פאַסטן תעניתים, אַבי נאָר זיין גרייט מקבל פנים זיין די שבת־מלכתא, וואָס איר מאַיעסטעטס נאָמען איז „די צוקונפט"? איז אונדזער איצטיק לעבן ניט ווערט צו האָבן אַ ווערט אין אונדזערע אויגן, און מוז זיין בלויז אַ פוס־בענקעלע פאַר די קומענדיקע דורות? אגב, וואָלט פאַר זיי גופא דען ניט בעסער געווען, ווען מיר זאָלן באַזאָרגן מיט גענוג זעטיקער שפייז אונדזער איצט? וואָלט עס דען ניט פאַרשפּאָרט אונדז די זאָרג פאַר צידה לדרך בעת אונדזערע לופט־רייזעס אין דער צוקונפט אַריין? וואָלט, מיט אַנ־דערע ווערטער, די עצם פראָבלעם פון מאָרגן נישט לייכטער געווען אַ סך, ווען מיר אַלע וואָלטן מיט לייב און לעבן געווען אַריינגעטאָן אין דער מעגלעכסט פולער באַפרידיקונג פון די היינטיקע נויטבאַדערפענישן, ווען מיר אַלע וואָלטן געווען אַ דור, וואָס זייענדיק אַליין אַן אַקטיווער און שעפערישער המשך פון פריער איז ער ממילא מסוגל צו האָבן אָדער צו דערציען יורשים, נישט נאָר אַליין זיין אַ יורש?

כ'שטעל דעם טראָפּ אויף דער דאָזיקער פראַגע דערפאַר, ווייל מיר דוכט, אַז דער „צוקונפטיזם", ד. ה. דאָס כסדרדיקע טראַכטן און ריידן און שרייבן רק וועגן דער בלאָסער און אומבאַשטימטער אַבסטראַקציע, וואָס הייסט שפעטער, פירט אָפט דערצו, אַז מען זאָל פאַרזען די קאָנ־קרעטע און פולבלוטיקע שטיקער יידיש לעבן און יידיש שאַפן, וואָס זייער ווערט סיי פאַר איצט, סיי פאַר שפעטער, איז ניט אָפּצושאַצן. עס איז דאָך באמת אַ משונה־ווילדע זאַך: מען האַלט אין איין באַזאָרגט זיין וועגן די אייניקלעך און די אוראייניקלעך, כאָטש זיי זיינען נאָך גאָר אויף דער

וועלט נישטאָ, און דערווייל וואָס־וועט פֿאַרלאָזט מען און מען פֿאַרוואָרלאָזט די טאַטעס און די מאַמעס, די ברידער און די שוועסטער, וואָס וואוינען מיט אונדז אונטער איין דאַך. איז עס נישט מאָדנע? מען הייבט אויף די אויגן... ניט צו די בערג, — ניין, נאָר צו שאָטנס פֿון בערג, צו עפּעס אַ מיראַזש, און ווי נאָר מען פֿאַרקוקט זיך אויף דעם „צוקונפֿט"־לאַנדשאַפֿט, קריכן גלייך אַרויס פֿון די לעכער, ווי ווערים, אַלערליי ספֿקות און קשיאָס און טאָמערס: טאָמער וועט מען אויפֿהערן רעדן יידיש און טאָמער וועט מען אין ענגליש נישט קאָנען האָבן קיין יידישע קולטור און טאָמער איז העברעאיש שענער און טאָמער וועלן זיך יידן אַסימילירן, — און דער סוף איז, אַז עס לאָזן זיך אַראָפּ די הענט, און נישט נאָר באַזאָרגט מען נישט די צוקונפֿט, מען פֿאַרוואָרלאָזט דאָס, וואָס מיר פֿאַרמאָגן אין דער קעגנוואַרט. די „צוקונפֿטיסטן" פֿאַרגעסן אַז מיר האָבן, דאַנקען גאָט, אַ היינט, שוין ניט גערעדט וועגן נעכטן און אייערנעכטן און אַז זייער בלוט איז ניט אין ערך רויטער, ווי דאָס אימאַדזשינערע בלוט פֿון אי־בער־איבער־מאָרגן... אָט דאָס „פֿאַרגעסן" איז, אגב, נישט בלויז אַ יידישע קראַנקייט. די גאַנצע געשיכטע איז פֿול מיט מאַסן־קברים פֿון מענטש־לעכע לעבנס, מיט רואינען פֿון וועלטן, וואָס מען האָט געלאָזט חרוב ווערן אָדער וואָס מען האָט אַליין געפֿירט צו דער עקידה אין נאָמען פֿון אַ נייער, אַ בעסערער אָרדענונג, וואָס טאַקע דערפֿאַר ווייל מען האָט זי געבויט אויף חורבות און אויף קברים, האָט מען זי קיינמאָל נישט אויפֿגעבויט. און מען האָט זי נישט געקאָנט אויפֿבויען. אַז מען לאָזט אויף הפֿקר די עקסיסטירנדיקע וועלט, האָט מען נישט קיין מאַטעריאַל פֿון וואָס צו שאַפֿן און קיין כּוח מיט וועלכן צו שאַפֿן דעם לעתיד לבוא. דאָס איז, זאָג איך, אַן אַלגעמיינע פּראָבלעם, אָבער דער הויפּט איז עס נייטיק צו דערמאָנען די פֿון אונדז, וואָס האַלטנדיק אויפֿן צונג תּמיד אַזוינע ווערטער, ווי געשיכטע און טראַדיציע, פֿאַרלאָזן זיי פֿונדעסטוועגן דעם וועג פֿון זייערע עלטערן. יענע האָבן מיטן כּוח פֿון זייער עכטן גלויבן אין משיחס צייטן באַלעבט און באַפֿעסטיקט דעם היינט, ביי די אָבער איז רעכט צו ברענגען דעם לעבעדיקן איצט פֿאַר אַ קרבן אויפֿן מזבח פֿון אַ כּלומרשטן מעסיאַניזם... זיי איגנאָרירן די פֿאַקטן, וואָס לערנען אונדז, אַז אויב מיר ווילן, אַז אונדזער פֿאָלק און זיין קולטור, ד. ה. זיין לעבע־דיקע היסטאָרישע דערפֿאַרונג, — סיי די, וואָס עס טראָגט אינעווייניק, סיי די, וואָס איז קריסטאַליזירט געוואָרן אין אַנטפּלעקטע ווערטן, — זאָלן טאַקע באמת האָבן אַ המשך, — מוזן מיר אָנהייבן פֿון זיך אַליין, פֿון אונדזער אייגענעם לעבן, פֿון אונדזער אייגענעם שאַפֿן. מיר מוזן אַליין

זיין אַ רינג אין דער קייט פֿון פֿריער, כּדי מיר זאָלן זיין מסוגל צו דער־ציען אַ דור, וואָס וועט די קייט ווייטער שמידן.

צווישן דעם יידישן, ווי יעדן, פֿאָלקס נעכטן און זיין מאָרגן איז פֿאַראַן נאָר איין בריק, — היינט. דערמיט וויל איך ניט זאָגן, — חזר איך איבער, כּדי אויסצומיידן טעותן, — אַז פֿאַר מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן. כ׳רייד וועגן דעם אויסגאַנגספּונקט, וועגן אונדזער פֿונדאַמענטאַלער אָריענטאַציע — און איך זאָג: אונדזער שפּעטער מוז זיך אָנהייבן תיכף ומיד. איצט — און דאָ.

דאָ — אין טאָפּלטן זינען, ווייל יעטווידער טייל פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס איז נאָך אַלץ אַ וועלט־פֿאָלק, האָט ווילנדיק־ניט־ווילנדיק צוויי אָרי־ענטירונגס־פּעדים — אַ האָריזאָנטאַלן, וואָס נעמט אַרום אַלע טיילן פֿונעם יידישן פֿאָלק, און אַ ווערטיקאַלן, וואָס פֿאַרבינדט אים מיט דעם לאַנד, וואו עס לעבט. מעג דער אָרטיקער — זאָגן מיר, דער אַמעריקאַנער־יידישער לעבנס־שטראָם — אין זיך אַריינגעמען דעם טיפֿסטן אינטערעס צו ישׂראל און צו תּפֿוצות ישׂראל — מוז ער, פֿריער ווי אַלץ, זיין, וואָס ער איז: אַן אָרטיקער, אַ היגער, אַן אַמעריקאַנער יידישער לעבנסשטראָם. ניט נאָר וואָס ער אַליין פֿאַרמאָגט, וואָס ער אַליין שאַפֿט, — אויך דאָס אַלץ וואָס ער האָט בשותּפֿות מיט אַנדערע קיבוצים פֿונעם פֿאָלק ישׂראל, אויך אַלץ דאָס, וואָס ער האָט אָדער דאַרף האָבן בשותּפֿות מיטן לאַנד ישׂראל, — איז ניט עפּעס וואָס קאָן אימפּאָרטירט ווערן ווי אַ פֿאַרטיקער פּראָדוקט, — ניין, עס מוז ווערן איבערגעפֿלאַנצט אינעם אָרטיקן באָדן, עס מוז זיך דאָ אַקלימאַטיזירן. דאָס אָרטיקע — און אונדזער פֿאַל, דאָס אַמעריקאַנער ־ יידישע קולטור ־ לעבן, קאָן ניט געגנערט ווערן פֿון צוויי באַזונדערע מינים גייסטיקע שפּייז — פֿון איין מין, וואָס וואַקסט דאָ אויפֿן אָרט און אַ צווייטן מין, אַן אַריבערגעבראַכטן, — עפּעס אַ שטיק עקזאָטיק. פֿוןביידע מינים פּראָדוקטן, — דעם יידיש־אַמעריקאַנער און דעם אַלגעמיין־יידישן מין מוזן ווערן איין האַרמאָנישע און געזונטע גייסטיקע דיעטע. עס קאָנען ניט לעבן בשלום אין אונדזער ברוסט צוויי נשמות, איינע אַ יידישע און די צווייטע אַן אַמעריקאַנער. דער ייד אין אונדז און דער אַמעריקאַנער אין אונדז מוזן ווערן איין גוף און איין נשמה.

די האַרמאָניזירונג פֿון יענע עלעמענטן פֿונעם יידישן זיין און באַוואוסטזיין, וואָס שפּיגלען אין זיך אָפּ דעם אַמעריקאַנער יידנס אָרט־אומשטענדן, און די עלעמענטן, וואָס ער האָט בשותּפֿות מיט זיינע ברי־דער און אַנדערע יידישע ישובֿים, — די דאָזיקע האַרמאָניזירונג איז

לײכטער צו דערגרײכן, װען עס רעדט זיך װעגן קולטור־װערטן פֿון דיאַס־פּאָרע, װי דאַן, װען אונדזער גײסטיקער שותּף איז דער נײער ארץ ישׂראל ישוב.

גאָר באַזונדערס שװער איז אונדז צו אידענטיפֿיצירן זיך קולטור־רעל מיט דעם לעצטן — איצט, װען פֿון ארץ ישׂראל איז געװאָרן מדינת ישׂראל . . .

דאָס, װעט מען זאָגן, איז אַ פּאַראַדאָקסאַלע אָדער, פּשוט, אַ משונה־װילדע באַהױפּטונג. די אָנגענומענע מײנונג איז, אַז, פּונקט פֿאַרקערט, די קולטור־װערטן פֿון ארץ ישׂראל און בפֿרט נאָך פֿון מדינת ישׂראל קאָנען האָבן אַ סך אַ גרעסערע השפּעה אױף אונדזער לעבן דאָ און עס מער באַפֿרוכפּערן, װי די גײסטיקע ירושהס פֿון די תּפֿוצות. אָבער לאָמיר אַ קוק טאָן, צי איז עס טאַקע אַזױ. לאָמיר זען, מיט װעמען האָט דער ייִד אין אַמעריקע פּאַקטיש אַ נעענטערע גײסטיקע קרובֿהשאַפֿט — מיט די ייִדישע ישובֿים פֿון זײַן אַלטער הײם אָדער מיט אַלט־נײַ־לאַנד.

מיט דער שארית הפּליטה פֿון אײראָפּע און אַנדערע טײלן פֿון דער װעלט, האָבן מיר ייִדן פֿון אַמעריקע בשותּפֿות אונדזער (אָדער אונד־זערע עלטערנס) נאָענטסטע פֿאַרגאַנגענהײט אױף יענער זײַט ים. היפּשע עטלעכע עלעמענטן פֿון אונדזער איצטיקן ייִדישן קולטור־לעבן האָבן מיר מיט זײ בשותּפֿות. הונדערטער טױזנטער, נײן, מיליאָנען ייִדן אין אַמע־ריקע טראָגן אין זײער זכּרון אָדער אין זײער באַװוּסטזײַן דאָס פֿולע בילד פֿונעם דור־דורותדיקן ייִדישן לעבנס־שטײגער אין אײראָפּע. דער חורבן — דער דריטער חורבן — װי מען רופֿט עס — (און דאָס איז, װי מיר דוכט, אַ ריכטיקערע, װײל אַ מער קװאַליטאַטיװע כאַראַקטעריסטיק, װי דער רײן נומערישער „פֿאַרלוסט פֿון זעקס מיליאָן”, װאָס איז אַ גאַנג־באַרע, אָבער שױן לאַנג אָפּגעריבענע מטבע) — דער דריטער חורבן האָט אין דעם פּרט װײניק װאָס געענדערט. דאָס בילד פֿון דעם צעשטערטן לעבן, װאָס װערט אױפֿגעהיט אין אונדזער זכּרון, אין אונדזער באַװוּסט־זײַן, איז אונדז איצט נאָך מער אײַנגעבאַקן אין האַרצן. קײן מאָל איז עס אונדז נישט געװען אַזױ טײַער און הײליק... און נישט נאָר װי אַ מקור פֿון צער און בענקשאַפֿט, פֿון נאָסטאַלגיע און טיפֿער פֿאַרערונג — נישט נאָר װי אַ יזכּור־ליכט, װי אַ נשמה־ליכט עקסיסטירט עס פֿאַר אונדז און װירקט אױף אונדז, — נײן, די װירקונג איז אַ סך אַ טיפֿערע, אַ סך אַ לעבעדיקערע. דאָס איז די אױסשטראַלונג פֿון אַ גײסטיקן פֿאַרמעגן. די דורות, װעלכע האָבן עס געשאַפֿן, האָבן עס נישט מיטגענומען מיט זיך אין קבֿר אָדער אין קרעמאַטאָריע אַרײַן. זײ האָבן עס נישט געקאָנט

מיטגעמען. זייער פיזישער אומקום אין איין טייל אייראָפּע און זייער גייסטיקע גסיסה — אין אַ צווייטן טייל איז געוויס די טיפסטע טראַגעדיע אין דער געשיכטע פון יידישקייט, נישט נאָר פאַר יידן. דאָך וואָלט געווען פאַלש צו טראַכטן, ווי איך האָב געזאָגט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, אַז דער חורבן פון מזרח־אייראָפּעאישן יידישן קיבוץ איז גלייכצייטיק דער חורבן פון דער מזרח־אייראָפּעאישער יידישער קולטור. עס איז איר גרויס אומגליק, איר שווערע זאָרג, איר סכנה, — געוויס, אָבער — ניט איר אונטערגאַנג. אמתע קולטור־אויפטואונגען, — גייסטיקע ענערגיעס — ווערן פּרעזערווירט. זיי הערן ניט אויף צו עקסיסטירן און צו ווירקן אויך דאַן, ווען עס גייען אַוועק די, וואָס האָבן זיי געהאַט אַרויסגעבראַכט מכוח אל הפועל. אמתע קולטור־ווערטן האָבן זייער אייגענעם כוח און קוואל פון חיונה. זיי זיינען אַזוי ווי די מלאכים, וואָס ווערן געבוירן פון מצוות, וואָס אַ צדיק טוט: זיי זיינען פאַראַן אויך נאָכדעם, ווי זיין נשמה האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעשיידט פון איר גוף... דאָס לערנט אונדז די געשיכטע פון אַלע שעפערישע פעלקער. דערהויפּט די יידישע געשיכטע. ניט נאָר תנ"ך איז, לויט היינעס גענויאַלן אויסדרוק, אונדזער „פּאָרטאַטיוו פאָטערלאַנד" — דאָס „פאָטערלאַנד", וואָס מיר טראָגן אים, אויב נישט אין אונדזער טלית־און תפילין־זעקל, איז אין אונדזערע נשמהס. דאָס איז ריכטיק אויך וועגן אַנדערע, שפּעטערדיקע, שיכטן פון אונדזער יחוס־בוים... בבל איז שוין לאַנג געווען אויס יידישער צענטער, און תלמוד בבלי איז נאָך אַלץ געווען מיט אונדז, אין אונדז — אומעטום, יואו מיר האָבן זיך געפונען. די ספרי מוסר, קבלה און חסידות, די תפילות און די וועלטלעכע לידער פון יהודה הלוי, פון שלמה איבן־גבירול, דער חסידישער מיטאָס, ביאַליקס פּאָעזיע, שלום עליכמס הומאָר, פּרצעס פאָלקסטימלעכע געשיכטן, און אַלע אַנדערע ווערטן פון אונדזער ליטעראַטור אין העברעאיש, אַראַמעאיש און יידיש לעבן, כאָטש זייערע שאַפערס זיינען שוין לאַנג ניטאָ, אַזוי ווי עס לעבט זייער סאָציאַל־עטישע און פילאָסאָפישע ירושה. אָבער נישט דאָס איז אין דער אמתן דער עיקר, ווען עס רעדט זיך וועגן דער יידישער מזרח־אייראָפּע. דאָ דאַרף מען גאָר נישט אָנקומען צו דעם פאַקט, וואָס אַ יידישער ישוב פאַרגייט און זיין קולטור באַשטייט: מזרח ־ אייראָפּעאישע יידן זיינען, דאַנקען גאָט, נישט אַלע אומגעקומען. אפילו איצט, נאָכן חורבן אייראָפּע, זיינען אַחוץ אייראָפּעאיש־יידישע קולטור־ווערטן, פאַראַן אויך אייראָפּעאישע יידן. צום גרעסטן טייל געפינען זיי זיך שוין נישט מער אין אייראָפּע, נאָר אין די אַמעריקעס אָדער אין ישראל; אָבער אומעטום, וואו די מזרח־איי־

ראָפּעאישע יידן זיינען פֿאַרוואָגלט געוואָרן, איז מיט זיי אינאיינעם פֿאַרוואָגלט געוואָרן די שכינה פֿון מזרח־אייראָפּעאישער יידישקייט — די שכינה פֿון חסידישע רביים און מתנגדישע רבנים, די שכינה פֿון דור־דורותדיקע מזרח־אייראָפּעאיש יידישע אינסטיטוציעס, מנהגים און רגילותן, די שכינה פֿון יידישער פֿאָלקסשאַפֿונג, די שכינה פֿון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע גאולה־אידייען און אידעאַלן, די שכינה פֿון יידיש און דער יידישער ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן...

יאָ, אומעטום, וואו עס געפֿינען זיך — און וואו געפֿינען זיך ניט? — מזרח־אייראָפּעאישע יידן, זיינען אויפֿגעהיט געוואָרן עלעמענטן פֿון דער אַלטהיימישער סביבה, פֿאָרמען פֿונעם אַלטהיימישן לעבן, ווערטן פֿון דער אַלטהיימישער, רעליגיעזער און וועלטלעכער, קולטור, און זיי זיינען — און דאַרפֿן זיין — דער אויסגאַנגס־פּונקט פֿאַר יעדער באַוועגונג, פֿאַר יעדער איניציאַטיוו, פֿאַר יעדן פּלאַן, פֿאַר יעדן אויפֿריכטיקן וואונטש זיך אַליין צו באַרייכערן און מעגלעך צו מאַכן זייער המשך . . .

אַזוי איז עס אין אַלע אַיינוואַנדערונגס־לענדער, אַזוי איז עס אויך אין אַמעריקע. אויך דאָ זיינען אינהאַלטן און פֿאָרמען פֿונעם אַלט־היימישן לעבן צום טייל נאָך איצט אינהאַלטן אין פֿאָרמען, אין וועלכע מאַסן יידן לעבן זיך אויס סיי רעליגיעז, סיי וועלטלעך. נעמט, אַ שטייגער, די בתי־מדרשים, די חדרים, די ישיבות, די צדקה־חברות פֿון דער נייער און דער אַלטער היים. אָדער אַזיינע אינהאַלטן און פֿאָרמען, ווי כשרות, שבתים און יום־טובים, צדקה־זאַכן. זיי קאָנען אונדז געפֿעלן אָדער נישט געפֿעלן, מיר קאָנען זיי האַלטן פֿאַר אין גאַנצן אָדער טיילווייז אָפּגעלעבט. מיר קאָנען שטרעבן זיי צו ענדערן. דער פֿאַקט אָבער בלייבט, אַז די דערמאָנטע און אַנדערע יידישע פֿאָלקס־אינסטיטוציעס, פֿאָלקס־פֿירונגען און פֿאָלקספֿירערס, ווי זיי זיינען געווען דאָרט, פֿון איין זייט, און ווי זיי זיינען דאָ, פֿון דער אַנדער זייט, האָבן צווישן זיך, נישט געקוקט אויף די אַלע גרויסע אונטערשיידן, אָן אַ שיעור ענלעכקייט. און וואָס מיינט עס? דאָס מיינט, אַז אַ גרויסער טייל פֿון אונדזער פֿאָלק אין אַמעריקע האָט אויפֿגעהיט און היט־אויף אַ היפּשן טייל פֿון דעם לעבנסשטייגער, וואָס איז אויסגעוואַקסן דאָרט, וואו ער איז אַזוי אכזריותדיק אויסגעוואָרצלט געוואָרן. דאָס מיינט, אַז פֿאַקטיש זיינען מיר געוואָרן יורשים פֿון אַ טייל לעבנס־אינהאַלטן און לעבנס־פֿאָרמען, וואָס זיינען אויפֿגעקומען ביי דעם רוב מנין ורוב בנין פֿון דעם יידישן פֿאָלק אין די תפֿוצות, איינגעשלאָסן די אַמאָליקע ארץ ישראל. כ'האָב געבראַכט ביישפּילן פֿון דער רעליגיעזער קולטור־ספֿערע. אָבער אויך אויפֿן געביט פֿון וועלטלעכן יידישן

אויסלעבן זיך האָבן די אײַנוואַנדערונגס־כוואַליעס געבראַכט אַהער פֿון יענער זײַט ים העכסט וואָגיקע, זייער אײַנפֿלוסרײַכע דינאַמישע לעבנספּאַקטאָרן. עס איז גענוג צו דערמאָנען אונדזערע ביידע שפּראַכן, יידיש און העברעאיש, יידישע ליטעראַטור, יידישע פּרע־סע, יידישער טעאַטער, יידישע מוזיק, מאָלעריי און סקולפּטור, וואָס מען זאָל ניט פֿאַרשטיין אונטער די דאָזיקע — נאָך אַלץ אומדעפֿינירטע — טערמינען, יידישע געלערנטקייט, פֿאַרשיידענע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיעס, עקאָנאָמישע רגילותן און ירושהס, אַלערליי פּסיכאָלאָגישע אייגנשאַפֿטן, שוין נישט גערעדט וועגן עלעמענטן פֿון טאָגטעגלעכער אויפֿפֿירונג. די דאָזיקע אַלע זאַכן האָבן אונדז פֿאַרבונדן און פֿאַרבינדן אונדז נאָך איצט מיט די יידן — אין יעדן פֿאַל, מיט די אשכנזישע יידן — פֿון דער גאַנצער וועלט. די אַלע איבערגעפֿלאַנצטע זאַכן זײַנען דאָ, מער אָדער ווײניקער, אַקלימאַטיזירט געוואָרן, אַזוי אַז אַפֿילו די בלעטער, די בליאונגען, וואָס ווערן דאָ פֿאַרוועלקט און פֿאַלן אָפּ, פֿאַלן אויפֿן היגן אַמעריקאַנער באָדן, און ער ווערט פֿון זיי באַפֿרוכפּערט. קאָנען מיר זאָגן עפּעס ענלעכעס וועגן די ספּעציפֿישע ווערטן פֿון דעם נײַעם ארץ ישראל ישוב? עמאָציאָנעל איז ער אונדז אַלעמען זייער נאָענט. מיר האָבן גאָר אַליין נישט געוואוסט, ווי טיף ער איז אונדז אײַנגעבאַקן אין האַרצן. אָבער אונדזער אָביעקטיוו־סאָציאַלע, אונדזער אָביעקטיוו־קולטורעלע שותּפֿות מיט אים— איז זי אַזוי רעאַל, אַזוי ממשותדיק, ווי אונדזער גע־זעלשאַפֿטלעך־קולטורעלע קרובהשאַפֿט מיט יידן אין דער גאַנצער וועלט? מיר האָבן דאָ גאַנץ נאָענטע גייסטיקע קרובים פֿון די אַנטי־ציוניסטישע נטורי קרתא און די אַנטי־ציוניסטישע מיטגלידער פֿון אגודת־ישראל, אָבער אַזוינע סאָציאַל־עטישע און סאָציאַל־קולטורעלע טיפּן, ווי דער חלוץ און דער קיבוצניק — האָבן זיי דאָ זייער גלײַכן? און די „סאַברעס״? אונדזער יונגער דור האָט אין זיך געוויס עפּעס פֿון זייער געזונטער אײַנגעוואָרצלט־קייט און זייער — ווײניקער סימפּאַטישער — גייסטיקער באַגרענעצט־קייט; אָבער סײַ די באָדנהאַפֿטיקייט, סײַ די אײנזײַטיקייט איז דאָ אַ היגע, אַן אַמעריקאַנער, בעת דאָרט איז זי אַ דאָרטיקע, אַ ישראלדיקע. וואָס פֿאַר אַ קאָנקרעטע בשותּפֿותדיקייט איז דאָ צווישן זיי? און דאַן די ווערטן פֿון דער נײַ־העברעאישער קולטור און נײַ־העברעאישער שפּראַך, וואָס זײַנען אויפֿגעקומען און קומען אויף אין ישראל: וואָס פֿאַר אַ טייל פֿון דער פֿינפֿמיליאָניקער יידישער באַפֿעלקערונג קאָן זיך באַרימען, אַז ער איז צו אָט די גרויסע ווערטן און צו אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע און סאָ־ציאַלע דערגרייכונגען פֿון ארץ ישראל אַזאַ שותּף, ווי ער איז שוין לאַנג

צו דער יידישקייט פון יידן ווי אַ וועלט־פאָלק? אויב דאָ איז פאַראַן אַזאַ גרופּע, איז זי, וועט מען מוזן מודה זיין, געוועזן ביז אַהער קליין, בּישטיק.

אָבער, וועט מען זאָגן, ביז דאָ ניט לאַנג האָט דאָס יידישע פאָלק אומעטום און ממילא אויך דאָ אין לאַנד געהאַט נאָר ארץ ישראל; גאָר אַנדערש ווערט און וועט ווערן איצט, ווען עם ישראל האָט מדינת ישראל. איצט וועט מען זאָגן, איז מעגלעך, אַז די שותּפות צווישן אונדזער אַמע־ריקאַנער יידישן קולטור־לעבן און דער קולטור פון ישראל זאָל ווערן אַלץ גרעסער און אַלץ פּרוכטבאַרער... אָבער אויף וואָסער סמך, פרעג איך, קאָן מען חלומען אַזאַ חלום? כ׳פרעג עס דערהויפּט בנוגע צו די, וואָס ערשט נעכטן האָבן זיי געטענהט אַז די עצם תּנאים פונעם לעבן אין גלות, ווי אַ מינאָריטעט, פירן און מוזן פירן צו אַסימילאַציע. ענדערט דען ישראל די תּנאים פון אונדזער לעבן אין חוץ לארץ בכלל און אין אַמע־ריקע בפרט? אונדזער לעבנס־סביבה אין גלות בלייבט די זעלביקע וואָס פריער, און אויב עס זאָל זיין ריכטיק אַז זי שלינגט אונדז איין וואָס ווייטער, אַלץ מער, איז — וואָס פאַר אַ שותּפות קאָנען מיר מאַכן מיט דער העברעאישער קולטור פון ישראל? אַ שותּף מוז דאָך עפּעס אַריינ־לייגן אין געשעפט, — און די וואָס וועגן זיי רעדט זיך, האָבן נעכטן ערשט געטענהט, אַז מיר האָבן נישט קיין יידישע פּרוטה ביי דער נשמה, מיר האָבן בלויז אַמעריקאַנער דאָלאַרן... ערשט נעכטן איז זייער דיאַגנאָז געווען: אַמעריקאַנער יידן זיינען ניט און קאָנען ניט זיין גייסטיק שע־פעריש, זיי זיינען אויסגעלעדיקט... היינט וואָס פאַר אַ ווירקונג קאָן אויף זיי האָבן די קולטור פון ישראל? ווי קאָן קולטור ווירקן אין אַ וואַקוואום? מעגן אירע קוואַלן זיין ווי טיף און ווי פול, — מוז מען דאָך האָבן כלים און כוחות צו שעפּן פון זיי... ניט אמת?

דער איינציקער תּירוץ אויף דער קשיה איז אַז אַ סך נעכטיקע אַנ־הענגערס פון פּאָליטישן ציוניזם זיינען איבערנאַכט געוואָרן „גייסטיקע ציוניסטן״, — און זייער רבי איז איצט שוין אחד העם, דער אידעאָלאָג פון ארץ ישראל ווי „אַ גייסטיקער צענטער״, ניט דר. הערצל. אחד העם האָט מורא געהאַט, אַז ווען עס זאָל נישט פאָרקומען קיין פולע אַסימילאַציע, וועט זיין אַ צעברעקלונג, און פון „ישראל גוי אחד״ וועלן ווערן „שבטים, שבטים נפרדים״ אָדער, ווי אַ נעאָ־אחד־העמיסט, דר. א. טאַרטאַקאָווער האָט זיך אויסגעדריקט, — „אַ פאָלק פון פעלקער״... האָט אחד העמס „גייסטיקער ציוניזם״ געשטרעבט דעריבער צו אַ גייסטיקן צענטער... און איצט, זאָגט מען אונדז, איז ער שוין דאָ — אין ישראל. „איצט״, לייענען מיר אין דר. מרדכי מ. קאַפּלאַנס אַ נייער העכסט סטי־

מוליִרנדיקער שריפֿט (און ער מעג עס געוויס זאָגן, ווייל ער איז קיין שולל הגלות קיינמאָל נישט געווען), — „איצט, אַז מדינת ישראל איז געוואָרן אַ רעאַליטעט, וועט דער דאָרטיקער יידישער ישוב פֿונקציאָנירן ווי דער מיטן פֿון אַ ראָד, צוזאַמענהאַלטנדיק די פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דעם צעזייטן און צעשפּרייטן יידישן פֿאָלק". נון, דר. קאַפּלאַנס „האב" איז נישט פּונקט דאָס אייגענע וואָס אחד העמס „מרכז", און דער קאָנקרעטער אינהאַלט פֿון „רעקאָנסטרוקציאָניזם" איז בכלל ניט אידענטיש מיט דעם קאָנקרעטן אינהאַלט פֿון אחד העמיזם, אָבער אחד העמס פּאַלעסטינאָצענטרישקייט האָט, דוכט זיך מיר, געהאַט מער האָפֿט, ווי די צענטראַליזירנדיקע ראָלע, וואָס דר. קאַפּלאַן דערוואַרט פֿונם איצטיקן ישראל. אחד העמס ארץ ישראל האָט געזאָלט איבערנעמען דעם יידישן פֿאָלקס קולטור־פֿאַרמעגן, ווי ער איז געוואַקסן פֿון מעמד הר סיני ביז זיין אייגענעם מוסר היהדות און דעם אידעאַל פֿון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, וואָס זיין תחית הרוח האָט געזאָלט באַלעבן און אָפּפֿרישן. ער איז, — דערהויפּט אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן — נישט געווען קיין קעגנער פֿון דעם מדינה־אידעאַל; אָבער לויט זיינע השגות וואָלט ארץ ישראל נישט געטאָרט ווערן אַזאַ מדינה, וואָס פּאַקטיש, אויב נישט טעאָרעטיש, שטעלט זיך אַנטקעגן דעם עטיש־גייסטיקן אידעאַל פֿון אחד העמס תחיה. ישראל, לויט אחד העמס שיטה, וואָלט געדאַרפֿט זיין דורכגעדרונגען מיטן גייסט פֿון אַ גייסטיקן, ניט אַ פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם וואָס מוז פֿאַרבייגן אָדער פֿאַרקוקן זייער וויכטיקע פּרינציפּן. לויטן אחד העמיזם וואָלט ארץ ישראל געדאַרפֿט זיין אַ ישוב, וואָס זיין הויפּט־שליחות איז צו ווערן דער מרכז פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער — אין יעדן פֿאַל, פֿון דער העברעאיש־נאַציאָנאַלער קולטור, דער צענטער פֿון איר ווייטערדיקן וואוקס און ווייטערדיקער עוואָלוציע — „אויף אַלגעמיין־מענטשלעכע יסודות". לויט אחד העמען האָט דער אונטערשייד צווישן דעם מרכז רוחני אין ארץ ישראל און זיין פּעריפֿעריע אין די גלות־לענדער געדאַרפֿט זיין אַן אונטערשייד אין מדרגה, ניט אין מין פֿון יידישקייט. דער גייסטיקער צענטער האָט געזאָלט זיין אַ המשך פֿון אונדזער גאַנצער גייסטיקער געשיכטע — פֿון דער קולטור, וואָס זי האָט געשאַפֿן פֿריער (לויט דער מסורה) אין מדבר און אין „לאַנד כנען", דערנאָך אין בבל און אין אַלעקסאַנדריע, אין שפּאַניע און אין דייטשלאַנד, אין רוסלאַנד, אין ליטע און אין פּוילן, — מער נישט וואָס אין דעם נייעם ארץ ישראלדיקן ישוב וואָלט די תרבות עברית, לויטן אחד העמיזם, געדאַרפֿט זיין מער געלייטערט אין נאַציאָנאַל־עטישן זינען, מער דיסטי־

לירט, מער קאָנצענטרירט — און מיט אַ גרעסערן כוח פֿון באַפֿרוכפּערנ־דיקער און פֿאַראייניקנדיקער השפּעה. אחד העמס ארץ ישראל פּראָגראַם האָט, אמת טאַקע, ניט אײַנגעשלאָסן אין זיך אַלץ וואָס מיר האָבן גע־שאַפֿן אין גלות: ווי באַוואוסט, האָט ער געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ אויף יידיש און אַלץ, וואָס איז אין יידיש אויפֿגעטאָן געוואָרן; אויך די רעלי־גיעזע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון דעם יידישן גייסט האָט ער באַטראַכט משכּי־ליש־ראַציאָנאַליסטיש, אָבער אַלע אַנדערע קולטור־ווערטן, וואָס יידן ווי אַ פֿאָלק, האָבן געשאַפֿן אומעטום, וואו זיי זיינען געווען, האָט דער מרכז רוחני פֿון ארץ ישראל געדאַרפֿט קולטיווירן, קאָנסאָלידירן און פֿאַרמערן. אחד העמס שיטה פֿון אַ מרכז רוחני האָט נישט געזוכט צו מאַכן אַ רעוואָלוציע אין אונדזער גייסטיקער וועלט. דער אחד העמיזם האָט געוואָלט נאָר פֿאַרזיכערן דעם המשך און די גאַנצקייט פֿון איר עוואָלוציע.

גאָר אַן אַנדער פּנים און טעמפּעראַמענט האָט מדינת ישראל; דאָס איז אַ רעוואָלוציע, ניט סתם אַזוי, אַ ניי־קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע. מדינת ישראל פּרעטענדירט צו געבן אַ נייע ריכטונג דעם עצם גאַנג פֿון דער יידישער געשיכטע. איר ציל איז צו שאַפֿן אַ ניי יידיש פֿאָלק, און דאָס איז נישט בלויז אַ פּרעטענזיע אָדער סתם אַזוי אַ שטרעבונג. שטרעבן — שטרעבט אפֿשר ניט איין ציוניסטישער פֿירער צו עפּעס אַזוינס, וואָס דערמאָנט אָן דעם אַמאָליקן „גייסטיקן ציוניזם". אָבער פֿאַקטיש איז מדינת ישראל — צי אַלע אירע פֿירערס ווילן עס, אָדער נאָר אַ טייל — עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין גאַנצן ניי אין דער געשיכטע פֿון דעם יידישן פֿאָלק זינט עס איז געוואָרן דאָס יידישע פֿאָלק, וואָס מיר קענען, דאָס יידישע פֿאָלק, וואָס מיר זיינען אַ רינג אין דער קייט פֿון זיינע דורות. די יידישע מדינה איז באַזירט אויף אַ פּאָליטישן, ניט קיין גייסטיקן נאַציאָנאַליזם. זי איז עס — און קאָן ניט זיין אַנדערש, — זי האָט קיין אַנדער ברירה ניט. (דער אַנעקדאָטישער „גענעראַל א. ב." (אין ברירה!) שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין אַלץ, וואָס זי טוט אָדער טוט ניט, נישט בלויז אין אירע מלחמה־נצחונות). דעם גרעסטן טייל פֿון אירע פֿיזישע און גייסטיקע כוחות מוז זי אָפּגעבן, צי זי וויל צי זי וויל ניט, דער באַפֿעסטיקונג פֿון איר עקאָנאָמיק, דעם שוץ פֿון אירע באַדראָטע און נאָך אַלץ ניט באַשטימטע גרענעצן, דער אויפֿבויאונג פֿון איר פּאָ־ליטיק — און אירע מיליטערישע פּאָזיציעס. דאָס זיינען אירע ערשטע אויפֿגאַבן, און ווער ווייס ווי לאַנג זי וועט זיין פֿאַרנומען מיט זיי, פֿאַר־שלונגען פֿון זיי... אין אַ רעדע, וואָס דער מיניסטער פֿאַר אויסלענדישע ענינים, משה שרת, האָט געהאַלטן דווקא ניט וועגן אַ דיפּלאָמאַטישן ענין,

נאָר וועגן אַזאַ קולטור־פּראָבלעם ווי „אומה ולשון”, האָט ער דערקלערט, — און אָן זיין דערקלערונג וואָלטן מיר עס אויך געוואוסט, — אַז כאָטש דאָס יידישע פאָלק אין ישראל וועט גרויס און רייך ווערן נישט בלויז דורך מאַטעריעלע גיטער אַליין, — „וועט עס, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פריער ווי אַלץ מוזן אויפהאַלטן און פאַרשטאַרקן זיין מיליטערישע מאַכט, אַנטוויקלען די אינדוסטריע, די אַגריקולטור און דעם האַנדל (חודש־זשורנאַל „הדואר”, סיון, תש״י, ז. 9.) ווי דען אַנדערש? קולטור אינעם העכערן און מער רוחניתדיקן זינען פונעם וואָרט, איז אין אַ מדינה, וואָס הייבט ערשט אָן צו עקזיסטירן און צו קעמפן פאַר איר עקזיסטענץ — אַ מותרות, און מען מוז עס אָפּלייגן אויף שפּעטער, צי מען וויל אָדער ניט. אַזוי איז עס געווען אין אַמעריקע, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן בויען, אַזוי איז עס אומעטום. אין איין האַנט האַלט מען דעם גראָבאַייזן אָדער עפּעס אַ אינדוסטריעלן געצייג, אין דער צווייטער האַנט — די שווערד — און מער ווי צוויי הענט האָט אַ מענטש ניט — אַפילו אין ישראל. וואָלט דערפאַר אַליין שוין די מעגלעכקייט פון אַן אינטענסיווער און קאָנצענטרירטער גייסטיקער שאַפונג געווען גרעסער אינעם ישוב פון ארץ ישראל לויט אחד־העמס פּראָגראַם, ווי אין ישראל דער מדינה. אין דער מדינה וועלן — ווער ווייס, ווי לאַנג נאָך? — די גרעסטע ראָלע שפּילן טוערס, ניט דענקערס און דיכטערס. סײַפּא וועט מיט ספרא שטאַרק קאָנקורירן, און ניט די תלמידי חכמים — אַפילו ניט די, וואָס זיצן אויפן הר הצופים, — וועלן ווערן דער יחוס, דער שטאָלץ פון לאַנד, נאָר די תלמידים פון די מיליטערישע אַקאַדעמיעס און טעכנאָלאָגישע אינסטיטוטן. פיזישע, ניט גייסטיקע גבורה, וועט זיין — און איז שוין איצט — דער אָפּגאָט פון דער יוגנט. אָט וואָס עס האָט דאָ ניט לאַנג ערשט געשריבן בנימין שבדרון, אַן ערנסטער און גוט אינפאָרמירטער פּובליציסט:

„. . . אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט איז צום ערשטן מאָל געשטעלט געוואָרן פאַרן נסיון פון בלוט־פאַרגיסונג, פון שנאה צום שונא און פון אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט מלחמה... עס איז אַקצענטירט געוואָרן, אַז יידן דאַרפן זיין ככל הגויים. אַז ס׳איז קיין אַנדער ברירה נישטאָ, אַז די מגוזמדיקע מאָראַליטעט איז געווען אַ רעזולטאַט פונעם אומנאָרמאַלן גלות־לעבן, אַז די מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט לויטערט און דערהייבט די נאַציאָנאַלע נשמה... די דאָזיקע איבערשאַצונג פון אַלע ווערטן שפּיגלט זיך אָפּ סיי נעגאַטיוו, סיי פּאָזיטיוו אין דער נייער נאָך־מלחמהדיקער ליטעראַטור... דערפון נעמט זיך אויך די מגוזמדיקע (נעגאַטיווע) באַציאונג צו דער יידישקייט פון גלות. נאָך מער ווי

פריער דוכט זיך דעם יונגן (ישראלדיקן) רעקרוט, אז די גלותדיקע יידישקייט טויג ניט, און דער ריס צווישן אים און איר — צוליב דעם, וואס די גלות־יידן האבן נישט געטוג שטארק אנטיילגענומען אין דער מלחמה — האלט אין איין וואקסן. און עס מערקט זיך א שטארקע טענדענץ צו באזירן די פארזיכערונג פון דער צוקונפט נאר און בלויז אויף מיליטערישע כוחות און צו קוקן מיט ביטול אויף אלע אנדערע מעגלעכקייטן איינצושטעלן פרידן" („הדואר", ג' סיון, תש"י).

די עצם דערציאונג פונעם יונגן דור וועט בלית ברירה אין זיבעצן האבן, מוזן האבן אין זינען אז פון די שולן דארפן, פריער ווי אלץ, ארויס בראווע סאלדאטן, גוטע אפיצערן, פלינקע טעכניקערס א. אז. וו. א. אז. וו. דער עלטערער דור פירערס, דער, וואס איז געקומען פון די גלות־לענדער און מיט זיך געבראכט די מזרח־אייראפעאיש־יידישע טראדיציעס פון אידעאליזם און גייסטיקייט, וועט אלץ עלטער ווערן און אלץ ווייניקער בעל דעה. די מאכט וועלן, סוף־כל־סוף, איבערנעמען די סאברעס, און פאר די מער טיפישע פון זיי איז ירושה פון גלות און אויך פון ארץ ישראל זינט איר צענטער איז געווארן יבנה וחכמיה אדער צפת מיט אירע מקובלים — עפעס אזוינס, וואס האט צום „ניי־געבוירענעם" פאלק אין ישראל קיין שום שייכות ניט, און מען דארף עס וואס גיכער אוועקווארפן אדער פארגעסן. דער נייער קולט, דער קולט פון מאכט, פיזישער גבורה און וויסנשאפטלעכער טעכניק, וועט מיט דער צייט פירן, מוזן פירן צו א נייער קולטור, צו א קולטור, וואס איר יסוד וועט זיין ניט קיין רעליגיעזעטישער, ניט קיין רוחניותדיקער, נאר א מאטעריאליסטיש־טעכנישער. די מאדערנע מאשין־ציוויליזאציע, וואס ביז אהער האט זי — דערהויפט אין מערב־אייראפע און אמעריקע — פארכאפט יידן, ווי יחידים, וועט איצט, זיך ארייכאפן ווי א דיבוק, אין ישראל, ווי א לאנד... צי איז עס גוט אדער שלעכט, צי איז עס פונעם יידישן און אלגעמיינעם מענטשלעכן שטאנדפונקט א שריט פאראויס אדער אפשר גאר צוריק, די פראגע וויל איך דא נישט אנרירן. כ'וויל נאר זאגן, אז די אויפקומענדיקע ישראל־ציוויליזאציע וועט סיי צוליב אירע גרויסע מעלות, סיי צוליב אירע, ניט קלענערע, חסרונות, מוזן גיין לאנג אין חדר ארייין צו דער ציוויליזאציע פון די גלות־לענדער, דערהויפט פון אמעריקע. אינעם פרט פון טעכניש־וויסנשאפטלעכער קענטשאפט און געניטקייט, וועט ישראל זיכער ניט קאנען זיין קיין מורה דרך פאר די — שוין א היפש ביסל ציוויליזירטע און מעכאניזירטע — יידישע מענטשן אין אונדזערע מקומות. און וואס איז שייך צו נייע פארמען פון סאציאלן לעבן, טאר מען נישט פארגעסן,

אז די מאסן־עליה, וואס פאר זיך אליין איז זי געוויס א גרויסער היסטארישער אועפטו, שיער ניט א קיבוץ גליות, כאטש אין מיניאטור, — אז די דאזיקע אויפגעברויזטע און צעשוימטע איינוואנדערונג־כוואליעס האבן — אין איינעם מיט דער מלחמה־אטמאספערע און דער לופט פון אן עפאכע פון דערגרייכונגען, וואס איז קיינמאל ניט אזוי אידעאליסטיש, ווי די תקופה פון שטרעבונג, — צערודערט און אפגעשוואכט דעם גייסט פון סאציאלן און נאציאנאלן אידעאליזם בכלל און פון חלוציות און קבוציות בפרט. אבער ווען אפילו עס זאל ווידער אמאל געלינגען — און הלוואי זאל געלינגען — אים צו פארשטארקן, איז ער אזוי טיף פארווארצלט אין דער געשיכטע און דער עקאנאמיק פון ישראל, אז עס איז, ווי עס איז שוין פריער געזאגט געווארן, זייער שווער זיך פארצושטעלן דעם פראצעס פון איבערטראגן און איבערפלאנצן עס אין אנדערע לענדער. די סאציאל־אידעאליסטישע קולטור־שטראמען פון ישראל, האבן אין זיך עפעס פון מצוות התלויות בארץ, און מען קאן זיי אהער נישט טראנספלאנטירן, בעת דעם מאטעריעל־טעכנישן פראגרעס דארף מען, ווי געזאגט, אהער נישט אריבערגעטראגן: מיר האבן גענוג אויפן ארט פון דעם מין לעבנס־כוחות, מיר קאנען נאך דערפון אפשפארן אביסל פאר ישראל... אבער נישט נאר דאס אליין. דער ווארעם פון ספקות גראבט טיפער און מאטערט מיך אפילו בנוגע צו דער מעגלעכקייט, אז דאס מאקסימאלע יידיש־נאציאנאלן לעבן אין ישראל זאל מיט דעם עצם פאקט פון זיין עקסיסטענץ האבן א נאציאנאליזירנדיקע ווירקונג אויף יידן פון דער גאנצער וועלט... די טאטאלע אויטאנאמישקייט פון די יידן אין ישראל וואס זיינען „הונדערט פראצענט פון זיך אליין", וועט זיי מאכן פאר א קוואל פון אינספיראציע פאר נאציאנאליסטישע פאעטן פארקלענערנדיק זייער ראלע ווי אן אביעקט פון אימיטאציע פאר יידן פון א גאנץ יאר. א טייל יידן וועט נישט וועלן זיי נאכמאכן און די, וואס וועלן עס וועלן, וועלן נישט קאנען... אזוינע ווי ארטור קעסטלער אדער פראפ. סמערטענקא, האבן שוין דערקלערט, אז מען קאן איצט יוצא זיין מיטן לאנד ישראל און — ברוך שפטרני: ישראל אליין וועט שוין טראגן פון איצט אן דעם עול פון אלע אונדזערע מצוות און עברות. מיר דא אין חוץ לארץ מעג זיך שוין פארגינען צו זיין, ווי ווייט מיר זיינען יידן, — מתים, וואס זיינען פטור פון מצוות און האבן במילא אויך נישט קיין עברות... עס וועלן זיך זיכער געפינען יידן, וואס וועלן זיך אנכאפן אן אט דעם מיטל צו ראציאנאליזירן און צו בארעכטיקן זייער וואונטש ארויפצווארפן פון זיך דעם עול פון יידישקייט. אבער ניט זיי צווינגען מיך צו צווייפלען אין

דער נאַציאָנאַליזירנדיקער השפעה, וואָס דאָס פּילזייטיקע נאַציאָנאַלע
לעבן אין ישראל וועט האָבן אויף תּפוצות ישראל, נאָר דער גיט איינמאָל
שוין דערמאָנטער גוואַלדיקער אונטערשייד אין די לעבנס־תנאים פון די
יידן אין ישראל, פון איין זייט, און די דיאַספּאָרע־יידן, פון דער אַנדער
זייט. זיי דאָרטן זיינען אַ מערהייט, און דערצו נאָך אַ מערהייט, וואָס בויט
אַן אייגענע מלוכה, בעת מיר רעפּרעזענטירן מיט זיך אַ פּאָלק, וואָס לעבט
שוין מער ווי צוויי טויזנט יאָר דאָס לעבן פון אַ רעליגיעז־קולטורעלער
מינאָריטעט. ווי אַ רעזולטאַט דערפון איז זייער הויפּט־פּראָבלעם דאָרט
פונקט דער היפּוך פון אונדזער צענטראַלער אויפגאַבע. זיי מיען זיך און
מוזן זיך מיען און מאַטערן צו קריגן אַלץ מער און מער די אַטריביוטן
פון אַלע אַנדערע מערהייט־און מלוכה־פעלקער; די גרונטפראַגע אויף
וועלכער מיר זוכן אַן ענטפער, איז די פראַגע ווי זיך צו באַוואָרענען מיט
די רעכט און דער פּאַקטישער מעגלעכקייט צו זיין אי גלייך צו די אַרו־
מיקע, אי אַנדערש פון זיי.

עס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט, ווען איך זאָל וועלן אויסרעכענען
דעם גאַנצן צעטל מיט אונטערשיידן און קאָנטראַסטן, צו וועלכע עס פירט
און מוז פירן דער גאָר־וואָס דערמאָנטער פונדאַמענטאַלער היפּוך צווישן
דעם סאָציאַל־פּאָליטישן פּייזאַזש און עטיש־קולטורעלן קלימאַט, וואָס
הערשט אין ישראל, פון איין זייט, און דעם קלימאַט פון דער סביבה,
וואָס עס שאַפן און מוזן שאַפן פאַר זיך יידן ווי אַ מינאָריטעט אין די
תּפוצות, — פון דער אַנדער זייט. דער אַלגעמיינער פאַקט, וואָס איך האָב
נאָר־וואָס קאָנסטאַטירט, איז, גלויב איך, גענוג אַיינצוזען, ווי באַגרענעצט
עס איז די מעגלעכקייט, וואָס מדינת ישראל וועט האָבן צו „אימפּאָרטירן"
קיין אַמעריקע די פּראָדוקטן פון איר גייסטיקן לעבן און שאַפן. דאָס זיי־
נען פּירות, וואָס מען קאָן אויף זיי מאַכן א ברכה נאָר אויף דעם באָדן
און אין דער לופט, וואו זיי וואַקסן. אין אַן אַנדער לאַנד פאַרלירן זיי
זייער נאַטירלעכן טעם, נישט נאָר זייער פרישקייט. מיר קאָנען, אַשטיי־
גער, ברענגען פון ישראל אַזוינע זאַכן, ווי אתרוגים און לולבים, תפילין
און טליתים, אויך ספר־תורהס, אָבער אַז עס זאָל קומען צו אַזאַ זאַך,
ווי, זאָגן מיר, די סטרוקטור און די אָרנאַמענטיק פון ארון־קודש, די
אַרכיטעקטור פון אַ סינאַגאָגע אָדער טעמפּל, — וועלן מיר שוין מוזן
זיך רעכענען מיט אַזוינע אָרטיקע תנאים, ווי קלימאַט, אַרכיטעקטאָנישע
און סאָציאַלע סביבה א. ד. גל.

אַנדערש, גאָר אַנדערש איז געווען די לאַגע, ווען מיר האָבן גיי־
סטיק און ביז צו אַ געוויסן גראַד אויך מאַטעריעל געהאַט אומעטום, מער

אָדער ווינציקער, איין יידישע וועלט, איין יידישע לעבנסשטייגער און ווען מיר זייען געווען אומעטום אַן עקסטעריטאָריעלע מינאָריטעט. אויך דאַן האָבן, אמת, געווירקט אויף אונדז אָרט־און־צייט־אומשטענדן, אָבער יידישע קיבוצים — האָבן זיי געמעגט זיין ווי פֿאַרשיידן — זייען געווען דאַן מער מסוגל צו ווירקן איינע אויף די אַנדערע, ווי איצט, ווען דער אויסגלייכנדיקער כוח פֿון תורה און מצוות איז אַ מינימאַלער און דער אונטערשייד צווישן די יידן, וואָס לעבן ווי אַ מערהייט אין אַן אייגענער מדינה, און די יידישע מינאָריטעטן אין אַנדערע לענדער איז אַ מאַקסימאַלער.

כל זמן די יידישע מדינה שטייט נאָך נישט עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און אַפֿילו קולטורעל אויף די אייגענע פֿיס, איז צווישן אונדז און איר פֿאַראַן נאָך די שותּפֿות, וועגן וועלכער עס דערציילט אונדז די לעגענדע וועגן יעקבס צוויי זין, יששכר און זבולון, וואָס איינער פֿון זיי האָט ביידן באַזאָרגט מיט עולם הזה און דער אַנדערער — מיט עולם הבא. די דאָזיקע שותּפֿות לאָזט ניט אויסגעטריקנט ווערן אונדזערע יידיש־נאַציאָנאַלע און יידיש־פֿילאַנטראָפּישע עמאָציעס בנוגע צו ישראל און מאַכט אַז מיר זאָלן זיין פֿאַר איר אַ קוואַל פֿון מאַטעריעלער און פּאָליטישער שטיצע. אָבער וואָס וועט זיין, ווען די יסודות פֿון מדינת ישראל וועלן — נישט אָן אונדזער הילף — באַפֿעסטיקט ווערן? דאַן וועט די דיסטאַנץ צווישן איר קולטור־לעבן און אונדזערן, ווערן, וואָס ווייטער, אַלץ גרעסער, די געלעגנהייטן פֿאַר אונדזער קומען אין קעגנזייטיקער שעפֿערישער באַריַרונג, וועלן ווערן אַלץ זעלטענער און זעלטענער, אונדזער שותּפֿותע שפּראַך — אַלץ אָרעמער . . . און איינע, כאָטש זיכער ניט די איינציקע, פֿון די אורזאַכן וועט זיין, וואָס דאָס רוב ציוניסטישע אידעאָלאָגן, דערהויפּט אין ישראל, גלויבן, אַז די יידישע אַמעריקע קאָן און דאַרף זיין אַ גייסטיקע קאָלאָניע פֿון ישראל. די ווינציקער דיפּלאָמאַטישע צווישן זיי שעמען זיך ניט אָנצורופֿן דאָס נאָך ניט געבוירענע קינד מיטן נאָמען. זיי שרייבן, אַז די יידישע ישובים אין גולה „זייגען פֿון איצט אָן אונדזערע „קאָלאָניעס”, די גאַנצע גולה מוז ווערן דער שטח, וואו מדינת ישראל פֿירט איר גייסטיק־קאָלאָניזאַטאָרישע אַרבעט” („דבר”, תל אביב, 21סטן אַפּריל, 1950) ווי שטעלן זיי זיך פֿאָר אָט די קולטורעלע „קאָלאָניזירונג” פֿון דעם „דזשאָנגל” וואָס הייסט יידישע אַמעריקע? זיי לייגן גרויסע האָפֿענונגען אויף די העברעאיש־מיסיאָנערן, וואָס זיי שיקן און קלייבן זיך שיקן אַהער, ווי אויך אויף אַזוינע זאַכן, ווי טוריסטיק, אויסבייט פֿון לערערס און תּלמידים און דערהויפּט די גרעסערע פֿאַרשפּרייטונג פֿון

העברעאיש. נון, גאַר אינגאַנצן איליוזאָריש זיינען נישט די דאָזיקע האָפֿענונגען. טוריזם, דערהויפּט דערציאונג־און בילדונג־רייזעס, שפּראַכקענטשאַפֿט און ענלעכע זאַכן פֿאַרנעמען אַ געווויסן אָרט אין באַציאונגען צווישן לענדער, בפֿרט נאָך צווישן אַזוינע ישובים ווי די יידישע אַמעריקע און די יידישע מדינה. קיין צו גרויסע ממשות האָבן אָבער נישט די דאָזיקע אַלע זאַכן. זיי קאָנען אויך נישט האָבן קיין צו גרויסע ווירקונג אויפֿן גייסטיקן גורל פֿון יידן און יידישקייט אין אַמעריקע. דווקא אָט דאָס קעגנזייטיקע באַקענען זיך און דערנענטערן זיך קאָן אַמאָל אויפֿדעקן, אַז מען איז, אין תוך, גאָר ווייט איינע פֿון די אַנדערע, אַזוי ווייט, ווי עס קאָנען זיין איינע פֿון די אַנדערע אַיינגעזעסענע אָרטיקע אַיינוואוינערס — און געסט אויף אַ ווייל. געסט, טוריסטן, ברענגען געווינטלעך פּרעזענטן, פֿאַרשאַפֿן זיך סואווענירס, באַרייכערן זייערע שפּראַכלעכע, געאָגראַפֿישע און היסטאָרישע קענטעניש — געוויס, אָבער וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט עס צום תוך פֿונעם אַיינגעפֿונדעוועטן לעבן ביי זיך אין דער היים? אוודאי וועלן איצט מער יידן אין אַמעריקע זיך אויסלערנען אַ געוויסע צאָל ניי־העברעאישע ווערטער, אָבער — וואָס זיינען ווערטער, אַפֿילו ווען זייער צאָל זאָל זיין גרויס? די קלענערע צאָל אַמעריקאַנער יידן, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויפֿן תנ״ך אין מקור און אויף אַלע שפּעטערדיקע גייסטיקע אוצרות פֿון העברעאיש און יידיש, מעג זיך זיין באַקאַנט מיט ווינציקער ניי־העברעאישע טערמינען פֿון (און פֿאַר) אַ ישראל־בעדעקער, — האָט זי אין זיך אָן קיין שום ספֿק גרעסערע שעפֿערישע פּאָטענצן און איז מער מסוגל צו געבן און צו נעמען קולטורעל, ווי עס איז און ווי עס וועט זיין די גרעסערע צאָל יידן, וואָס וועלן עולה רגל זיין אָדער אַפֿילו שיקן קינדער שטודירן קיין ישראל. שפּראַך אַליין, שפּראַך אָן איר קולטור־ירושה און אָן איר גאַנצן קולטורעלן היגטערגרונט, איז נישט גענוג גייסטיק צו דערנענטערן צווישן זיך טיילן פֿון אַ פֿאָלק, וואָס לעבן אין פֿאַרשיידענע לענדער, ביי די פֿאַרשיידנסטע לעבנסתנאָים. העברעאיש אַליין (מעג מען אַיינפֿירן דעם דאָזיקן לימוד אין נאָך אַ גרעסערער צאָל היי־סקולס, קאַלעדזשעס און אוניוועסיטעטן) איז נישט גענוג צו שאַפֿן אַ בריק צווישן אַמעריקע און ישראל, ווי באַלד אַז דאָ איז עס נישט מער ווי אַן אויסגעלערנטער אָדער האַלב־אויסגעלערנטער לשון, ניט קיין לשון, אין וועלכן מען לעבט זיך אויס אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר. אין בעסטן פֿאַל איז עס די לעגענדאַרישע „פּאַפּירענע בריק“, —און מען דאַרף גלויבן אין ניסים צו פֿאַרלאָזן זיך אויף איר. יידיש איז אין דעם פֿאַל שוין אַ פֿעסטערער און מער זיכערער בריק. די שיכטן

פֿון יידישן פֿאָלק וואָס ריידן יידיש און לעבן יידיש האָבן בשותפֿות, ווי עס איז גאָר אין אָנהייב געזאָגט געוואָרן, נישט נאָר ווערטער אַליין, זיי האָבן ווערטן בשותפֿות. זיי האָבן בשותפֿות אַ גאַנצן קולטור־שטייגער, און נאָך אַלץ לעבעדיקע פֿאָלקס־ירושה, אַ פֿאָלקס־פּסיכאָלאָגיע. קלאַנגען פֿון יידיש האָבן נאָך אַלץ און וועלן נאָך לאַנג האָבן אַ לעבעדיקן ווידערקלאַנג; יעדעס יידיש וואָרט אַסאָציאירט זיך מיט אַ שטיק יידיש לעבן — און אָפֿט מיט אַזאַ שטיק לעבן, וואָס מען האָט עס דאָ גופֿא, מען דאַרף עס נישט פֿאָרן זוכן. יידיש קאָן, דעריבער, איצט נאָך אַפֿילו שאַפֿן אַזאַ נאָענטקייט צווישן פֿאַרשיידענע, אַפֿילו ווייטע, יידישע ישובים, — וואָס קאָן נישט זיין צווישן דעם העברעאיזירטן „קיבוץ גליות״ פֿון ישראל און דעם „גלות״ אַמעריקע, ווען אַפֿילו אַ מאַקסימאַלע צאָל אַמעריקאַנער יידן זאָל אויסחזרן אויף אויסנווייניק בן יהודאָס מלון עברי. איך וואָלט נאָך ווייטער געגאַנגען און געזאָגט, אַז וואָס מער דער ניי־העברעאישער לשון וועט ווערן אַ מדינה־לשון, וואָס מער ער וועט אויפֿהערן צו זיין לשון־קודש און זיך אָפּרייסן פֿון זיין אייגענער פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס מער די גאַנצע ישראל־קולטור וועט ווערן אַ מאָדערנע, ד. ה. אַ מער אָדער ווייניקער מעכאַניזירטע מדינה־קולטור, אַלץ מער וועט איר שעפֿערישקייט לאָקאַליזירט ווערן, — און פֿאַר דעם גרויסן, נאַציאָנאַלן און אוניווערסאַלן, ווערט פֿון דער העברעאישער קלאַסיק, פֿון איר רייכער ירושה, פֿון אירע וואונדערלעכע טראַדיציעס — וועלן דאַרפֿן טראָגן די אחריות די זעלביקע גלות־יידן, וואָס האָבן זי ביז אַהער — דור איין דור אויס, — געטראָגן. ווער ווייס, צי די באַנייטע שותפֿות צווישן אונדז און די יידן פֿון ישראל וועט ניט באַשטיין אַמאָל אין דעם, וואָס בעת זיי וועלן רעפּרעזענטירן דעם מאָדערנעם המשך פֿון דער העברעאישער קולטור, וועלן מיר, דווקא מיר, זיין די שיצערס און היטערס פֿון אירע היסטאָריש טראַדיציאָנעלע יסודות?

יע, עס קאָן גרייליך געמאָלט זיין, אַז ווען עס זאָל זיך פֿאַרשטאַרקן די טענדענץ, וואָס פֿירט דערצו, אַז די „תנועת התחיה״, וואָס האָט די גאַנצע צייט גערעדט אין נאָמען פֿון אונדזער טראַדיציע און געשיכטע, זאָל פֿאַקטיש ווערן זייער פֿאַרלייקענונג, זייער אַנטי־טעזיס, — אַז אין אַזאַ פֿאַל זאָלן דווקא „גלותיסטן״, — די, וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן פֿאַר „מענטשן פֿון הייגט״, ווערן די איינציקע טרייע טרעגערס פֿון אונדזער גייסטיקן המשך . . .

דער שרייבער פֿון די שורות איז ווייט, זייער ווייט פֿון וועלן מיגימיזירן די ראָלע, וואָס העברעאיש און די גאַנצע העברייאישע קולטור־

ירושה שפּילן און דאַרפן שפּילן אינעם לעבן און שאַפן פון יידן אין אַמע־ריקע, אָבער דאָס קאָן ניט זיין דער פּאָליטישער און פּאָליטיזירנדיקער העברעאיזם, דער טוריסטן־העברעאיזם, דער שלום און להתראות העברע־איזם, נאָר דער דור־דורותדיקער לשון פונעם יידישן פאָלק, דער לשון וואָס זיין גייסט איז אַריינגעדרונגען אויך אין ארמית, דער לשון, וואָס האָט פון יידיש־טייטש געמאַכט יידיש. דער דאָזיקער העברעאיש איז אונדזער אַלעמענס העברעאיש. ער איז געווען און איז איינער פון די כוחות, וואָס העלפן אונדז זיין איין פאָלק. דער דאָזיקער העברעאיש לעבט אויך אין און דורך יידיש, דער שפּראַך וואָס האָט אים אין אַ געוויסער מאָס געהאָלפן ווערן ווידער אַ שפּראַך פון טאָג־טעגלעכן לעבן. יידיש איז זיין כשר קינד, און ער פירט עס ניט — און קיין גאָט הייסט אים ניט, ער זאָל עס פירן — צו דער עקדה, ווי עס האָט אונדז געראָטן דער העברעאישער פּאָעט, ש. שלום, איינער פון די ישראל־„מיסיאָנערן" און גייסטיקע „קאָלאָניזאַטאָרס". דער דאָזיקער פיל־דורותדיקער און פיל־געשטאַלטיקער העברעאיש שליסט, פאַרשטייט זיך, נישט אויס, נאָר, פאַרקערט, שליסט אין זיך איין דעם ניי־העברעאיש פון דער מדינה, בעת דער נעאָ־העברעאיזם פאַרקלענערט די גאַנצקייט און פאַרטונקלט די פולקייט פון דער העברעאיש־טראַדיציע, — אַלץ איינס צי ער וויל עס אָדער ניט. דערפאַר גלויב איך, אַז ניט דער — דערווייל נאָך בכלל מע־כאַנישער און קינסטלעכער — מדינה־העברעאיש, נאָר דער היסטאָרי־שער און אָרגאַנישער קולטור־העברעאיש איז דער לשון, וואָס בשותפות מיט יידיש קאָן ער פירן און פירט צו אַ קעגנזייטיקער ווירקונג צווישן יידן פון פאַרשיידענע לענדער.

נישט קאָנענדיק מער מאריך זיין און אַריינלאָזן זיך אין ווייטערדיקע פרטים וועגן דעם פאַרוויקלטן און פאַרפלאָנטערטן ענין שפּראַך, — קער איך זיך אום צום עיקר ענין און מאַך אַ קורצן סך־הכל.

אַזוי ווי אין דער שפּראַכנספערע דאַרף אונדזער אויסגאַנגס־פּונקט זיין ניט די שפּראַך, ניט שפּראַכיזם, נאָר קולטור, — דאַרף אויפן געביט פון קולטור אונדזער פּערספּעקטיוו זיין די פּערספּעקטיוו פון פאָלק, ניט פון לאַנד.

קולטור שליסט נישט אויס שפּראַך, נאָר, פאַרקערט, שליסט זי איין, ווי אַ טייל פון איר און ווי אַ שליסל צו איר, ווי איר וויכטיקסטן אויס־דרוקמעדיום; אַזוי איז עס אויך מיט פאָלק, ווי אַן אָריענטירונגס־פּאָדעם: עס איז אין זיך כולל לאַנד, אָבער — לאַנד איז פאַרן פאָלק, נישט, פאַר־קערט, פאָלק פאַרן לאַנד.

אַזוי ווי אין צענטער שטייט און דאַרף שטיין העברעאיש־יידישע קולטור, ניט שפּראַך, — אַזוי דאַרף דאָס ציל פֿון צילן זיין ניט ישראל דאָס לאַנד, נאָר דאָס פֿאָלק ישראל.

און בנוגע צום פֿאָלק איז דער וועג ניט פֿונעם פֿאַרנעפּלטן מאָרגן צום היינט, נאָר פֿונעם קלאָרן היינט צום מאָרגן. ניט וועגן דעם, וואָס עס פֿעלט אָדער וואָס וועט אפֿשר פֿעלן, דאַרף מען טראַכטן, נאָר וועגן דעם, וואָס איז פֿאַראַן. דאָס דאַרף מען זוכן צו פֿאַרשטאַרקן און צו באַפֿעסטיקן.

די אַלע חקירות וועגן דעם, צי וועט עפּעס בלייבן פֿון דער מזרח־אייראָפּעאישער יידישקייט אין די אַמעריקעס אָדער אין ישראל און וואָס וועט בלייבן, אין וואָס פֿאַר אַ מאָס און אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם א. א. וו.— זיינען אָפּט נישט מער ווי אַ תירוץ אַראָפּצואוואַרפֿן פֿון זיך די אחריות פֿאַר די יידישע פֿאָרמען און איבהאַלטן וואָס עקסיסטירן און ווירקן און וואָס וואַרטן אויף אונדזער גייסטיקער און מאַטעריעלער אויפֿמערקזאַמקייט. אַזוי, צום ביישפּיל, האָבן מיר אין אַמעריקע הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס ריידן יידיש, און מעג ער ביי אַ סך פֿון זיי זיין ווי פֿאַרקריפּלט, איז ער אין זייער מויל נאָך אַלץ נאַטירלעכער און שעפֿערישער ווי זייער ענגליש. ער איז אַן אויסדרוק און אַן אינסטרומענט פֿון זייער אייגענעם לעבן און אַ כּלי קבול פֿאַר אַ טייל פֿון דער ירושה, וואָס איז אונדז געבליבן. דאַרף מען זען, אַז אָט דער יידיש זאָל זיין ווינציקער פֿאַרדאָרבן און אַ בעסערע, אַ גאַנצערע כּלי פֿאַר דער ירושה פֿון די פֿריערדיקע דורות.

עס איז דאָ אַ פֿאַרוואָרלאָזטער יידישער טעאַטער, דאַרף מען זוכן צו באַקעמפֿן זיינע שעדלעכע טענדענצן און צו פֿאַרגרעסערן זיין קינסטלערישן און סאָציאַל־דערציערישן ווערט.

עס איז דאָ אַ יידישע ליטעראַטור, אַ שעפֿערישע און אַ דינאַמישע, אַ ליטעראַטור, וואָס סיי איר טעמאַטיק, סיי אירע מאָטיוון און אירע פֿיל־געשטאַלטיקע פֿאָרמען זיינען פֿאַרבונדן מיטן לעבן אויף ביידע זייטן ים, אַ ליטעראַטור, וואָס אין איר אָטעמט פֿריי דער פֿרייער גייסט און פֿיל־קאָלירנדיקער פּייזאַזש פֿון אַמעריקע: דאַרף מען זיך מיען צו באַפֿרייען זי, ווי ווייט מעגלעך, פֿון איר מורא פֿאַר עלנטקייט און איזאָלירטקייט, ברענגען זי אין אַן ענגערן קאָנטאַקט מיט די קינסטלעריש־סענסיטיווע און אינטעלעקטועל־וואַכע טיילן פֿון דער אַמעריקאַנער סביבה.

עס פֿונקציאָנירן יידישע צייטונגען און זשורנאַלן וואָס האָבן נאָך

אַלץ אַ ניט אין ערך גרעסערע ווירקונג אויפֿן יידישן לעבן, ווי די ענגליש־יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן, — דאַרף מען זוכן אָפּצוראַמען פֿון זייער וועג די מאַטעריעלע און גייסטיקע שטערונגען.

עס זיינען דאָ פֿאַרשיידענע יידישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, — דער וויכטיקסטער פֿאַרבינדונגס־רינג צווישן היינט און מאָרגן, צווישן דער ירושה פֿון מזרח־איראָפּע און דער סביבה פֿון דער נייער היים... דאַרף מען, אָנשטאָט צו פֿילאָסאָפֿירן וועגן דער צוקונפֿט, געבן זיי אַ גרעסערע מעגלעכקייט צו פֿונקציאָנירן, צו פֿאַרפֿולקאָמען זיך, צו וואַקסן אין צאָל און צו געבן אַלץ גרעסערע רעזולטאַטן.

עס זיינען דאָ — און עס שפּינען זיך אַלץ מער און מער — פֿעדים, וואָס פֿאַרבינדן צווישן זיך יידן פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען, פֿעדים, וואָס דערנענטערן צווישן זיך די פֿאַרשיידנסטע יידישע אַקטיוויטעטן און אינסטיטוציעס: דאַרף מען אַכטונג געבן אויף אָט די פֿעדים, העלפֿן זיי ווערן לענגער, פֿעסטער און מער פֿאַרוועבט איינע מיט די אַנדערע, — העלפֿן זיי ווערן דער יסוד פֿאַר אַ דעמאָקראַטישער יידישער קהילה . . .

הכלל, עס זיינען פֿאַראַן יורשים, ניט נאָר אַ ירושה איז דאָ. און זיי זיינען פֿאַראַן אויך צווישן די, וואָס געהערן צום צווייטן און דריטן און פֿערטן דור אַמעריקאַנער יידן, — צווישן די, וואָס זייער קולטור־שפּראַך איז די שפּראַך פֿון לאַנד. (אין אַזאַ זשורנאַל, ווי „קאָמענטאַרי“ קומען זיי אָפֿט צום וואָרט.) אָבער דאָס איז גאָר אַ באַזונדער ענין. איך האָב גערעדט דערהויפּט וועגן די, וואָס דער גרעסטער טייל פֿון זייער קולטור־ירושה איז אויסגעוואקסן און האָט געבליט דאָרט, וואו ער איז, לעצטנס, אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל. צווייגן פֿון זייער גייסטיק־גענעאָלאָגישן בוים האָבן באַוויזן זיך איבערצופֿלאַנצן אויף דעם היגן באָדן. זיי האָבן זיך צוגעפּאַסט און וועלן נאָך מער מסתמא זיך מוזן צופּאַסן צו זיינע באַזונדערע אייגנשאַפֿטן. אָט די אַלט־נייע פֿלאַנצונגען זיינען פֿיל צוזאָגנדיק.

וואָלטן די, וואָס די דור־דורותדיקע מזרח־איראָפּעאישע טראַדיציע אָדער טיילן אירע זיינען זיי באמת טייער, — געדאַרפֿט זיך דערנענטערן צום שטראָם פֿון איר לעבן, זוכן אים צו רעגולירן, צו לייטערן, פֿלייסן זיך אים פֿולער און פֿרוכטבאַרער צו מאַכן — און עס וואָלט באַדאַרפֿט נעמען אַ סוף צו די פּוסטע און אומפֿרוכטבאַרע ריידערייען וועגן דעם טעלערל פֿון צוקונפֿט־הימל. וואָס מער מיר וועלן זיין אַריינגעטאָן אינעם היינט און זיינע מעגלעכקייטן, און זיינע רעאַליטעטן, וואָס ווינציקער צוקונפֿטיזם, אַלץ מער וועלן מיר אויפֿטאָן און איבערלאָזן... פֿאַר

דער צוקונפֿט. וואָס ריינער און פֿולער עס וועלן זיין אונדזערע איצטיקע קולטור־קוואַלן, די, וואָס קומען פֿון די פֿריערדיקע, די טיפֿערע און די ווייטערע מקורים, אַלץ מער נערונג, אַלץ מער צדה לדרך — און אויף אַלץ אַ לענגערער צייט — וועלן האָבן די דורות, וואָס וועלן נאָך אונדז קומען! אָבער ניט וועגן זיי — וועגן זיך דאַרף מען טראַכטן, ווען עס זיי אויך צוניץ־קומען . . .

און אַזוי ווי מיר זיינען אַ פֿאָלק, וואָס איז, ענלעך צו אונדזער לאַנד, אַמעריקע, „ע פּלוריבוס אונום", דוכט זיך מיר אַז ס'איז גאָר נישטאָ אַזוי שטאַרק וואָס מורא צו האָבן פֿאַר דער סתירה, וואָס אחד העם האָט אויף איר אָנגעוויזן, ווי אויף דער גרעסטער געפֿאַר — פֿאַר דער פֿריער שוין דערמאָנטער סתירה צווישן „גוי אחד" און „שבטים, שבטים". מיר קאָנען זיך זיין „שבטים, שבטים" — און דאָך בלייבן „גוי אחד". אַזוי ווי אַ לאַנד, איז אויך אַ פֿאָלק נישט מחויב צו באַשטיין פֿון בלויז יחידים; עס קאָן באַשטיין אי פֿון יחידים, אי פֿון דעם פֿאַרשיידנסטן סאָרט קיבוצים. און פּונקט אַזוי קאָן יעדער אָרטיקער קיבוץ — לאָמיר זאָגן, דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ — פֿון זיין זייט, זיין אַ קיבוץ פֿון קיבוצים. אַזוי ווי אין אַמעריקע בכלל, ווירקן אויך אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן ביידע טענדענצן: אי אונדזער אייגענער יידישער קולטור־פּלוראַליזם, אי אונדזער אייגענער אינעווייניקסטער שמעלצטאָפּ . . . מיר פֿערזענלעך דוכט זיך אַז אַפֿילו דאָס לאַנד ישראל, וועט אַ לאַנגע צייט און אפֿשר תמיד — זיין קולטורעל אָן איינהייט אין פֿאַרשיידנאַרטיקייט, — בפֿרט נאָך דאָס פֿאָלק ישראל.

דאָס פֿאָלק ישראל איז און מוז זיין אַן עם אחד, אָבער זיין אידעאַל קאָן ניט און דאַרף ניט זיין ארץ אחת און שׂפה אחת. דאָס איז און אפֿשר מוז עס זיין די שטרעבונג פֿון דעם מער ווי אַ מיליאָן יידן (כן ירבו!) אין ישראל, אָבער נישט פֿון די מיליאָנען יידן, וואָס בלייבן דאָרט, וואו זיי זיינען . . . זיי מוזן זיך אַנטקעגנשטעלן סיי קעגן די דרויסנדיקע, סיי קעגן די אינעווייניקסטע פֿאַקטאָרן, וואָס וואָלטן אונדז וועלן אויסשליסן פֿונעם יידישן פֿאָלק אָדער סתם אַזוי מאַכן אונדז פֿאַר אויס אמתע יידן. זיי מוזן אויסרופֿן הויך אויפֿן קול, אַז אַזוי ווי זיי האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן דער עקסטרעמער אַנטי־היסטאָרישער אַסימילאַציע, וועלן זיי רעוואָלטירן אויך אַנטקעגן דעם עקסטרעמען — און פּונקט אַזוי אַנטי־היסטאָרישן — פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם. ניט נאָר אונדזערע ערגסטע שונאים, אויך אונדזערע בעסטע פֿריינד וועלן ביי אונדז נישט פּועלן אַז מיר זאָלן אויפֿהערן צו זיין, וואָס מיר זיינען און אַז מיר זאָלן אויפֿ־

הערן צו זינגען — אויף יידיש און אויף העבּרעאיש און אויף ענגליש און אויף אַלע שבעים לשון — דעם אַלטן יידישן פֿאָלקס־ניגון:

וואָס מיר זיינען,
זיינען מיר,
אָבער יידן
זיינען מיר.

פֿאַרשיידנסטע סאָרטן יידן, יידן אין דער וועלט און יידן אין ישראל, רעליגיעזע און פֿרייע יידן, אָרטאָדאָקסן און ליבעראַלע יידן, אָבער — יידן.

ג.

וואוהין גייט דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע?*)

דאָס אַמעריקאַנער יידישע לעבן האָט זיינע אייגענע אינעווייניק־סטע כוחות, זיינע אייגענע, אָרטיקע קוואַלן פון שעפערישקייט. בלויז דער־פאַר איז עס מסוגל אויפצונעמען השפעות פון יידישע ישובים אין אַנ־דערע לענדער; בלויז דערפאַר קען געמאָלט זיין, אַז אויך די קולטור פון ישראל זאָל אויף אונדז דאָ האָבן אַ באַפרוכפּערדיקע ווירקונג. ווען דער יידישער באָדן אין אַמעריקע זאָל, חלילה, זיין פון שטיין, ווי עס מיינען אונדזערע פּעסימיסטן, און מען זאָל אים נישט קאָנען צעאַקערן, וואָלט אומזיסט געווען די טרחא צו וואַרפן אין אים זריעה־קערנדלעך, מעגן זיי זיין אַפילו פאַרמישט מיט געבענטשטער ארץ־ישראל ערד. גייסטיק מוז אַ נעמער זיין אַ געבער, אויב נישט, איז ער קיין נעמער אויך נישט.

דערפון איז געדרונגען, אַז די פראַגע פון אַלע פראַגעס איז — ווי צו אַקטיוויזירן דעם ווילן פון אַמעריקאַנער יידן (און פריער ווי אַלץ פון זייערע פירערס) צו לעבן, ווי אַמעריקאַנער און ווי יידן, אַ קולטורעל און שאַפעריש לעבן. בלויז די אויפוועקונג און דער וואוקס פון אונדזערע כוחות דאָ אויפן אָרט וואָלט געקאָנט צוגעבן אַ ממשות אַלערליי השפעות פון אַנדערע יידישע ישובים. אין צענטער פון אַלע אונדזערע באַטראַכ־טונגען און באַמיאונגען מוז דעריבער שטיין דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ, ווי אַן אָרגאַנישער טייל פון אונדזער לאַנד אַמעריקע און ווי —

*) רעדע געהאַלטן אויף דער ערשטער לאַנדקאָנפערענץ פאַר יידי־שער דערציאונג, 14טן יאַנואַר, 1951.

פּונקט אַזאַ אָרגאַנישער — טייל פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס איז נאָך אַלץ אַ וועלט־פֿאָלק. עס וואָלט געווען דער גרעסטער טעות צו מאַכן, אָדער פּינקטלעכער, איבערצולאָזן פֿאַר דעם צענטראַלן פּונקט, אָדער גאָר פֿאַר דעם אויסגאַנג־פּונקט פֿון אונדזער געזעלשאַפֿטלעכן און פּעדאַגאָגישן געדאַנק דעם פּונקט — ישראל.

שוין יאָרן און יאָרן ווי אין מיטלפּונקט פֿון אונדזער טראַכטן און אונדזער טאָן, שטייט נישט די כּסדרדיקע פּילזייטיקע בויאונג פֿון אונדזער אייגענעם קהילה־לעבן, נאָר די — אמת, העכסט נייטיקע און געהייבענע מיטבויאונג פֿון דעם ישוב אין ארץ־ישראל און די — נישט ווינציקער נייטיקע הילף פֿאַר ייִדן אין אַנדערע לענדער. דער דאָזיקער פֿאַקט איז היסטאָריש און פּסיכאָלאָגיש געוויס געווען אומפֿאַרמיידלעך, אָבער עס איז שוין לאַנג צייט אײַנצוזען די ערנסטקייט פֿון דער פּראָבלעם, וואָס ער שטעלט פֿאַר דעם יונגן ייִדישן קיבוץ פֿון אַמעריקע, פֿאַר זיין וואוקס און זיין פּיין פֿון וואוקס.

עס איז שוין לאַנג צייט אײַנצוזען, אַז ייִדישקייט אין אַמעריקע איז אין געפֿאַר רעדוצירט צו ווערן צו קאַמפּעין־ייִדישקייט.

אונדזער כּסדרדיקע זאָרגן פֿאַר ייִדן אין אַנדערע לענדער איז געוויס געווען נוצלעך פֿאַר אונדז דאָ אויך, נישט נאָר פֿאַר זיי דאָרטן. עס האָט געוועקט און אַקטיוויזירט אונדזער געפֿיל פֿון פֿאָלקס־אַחריות, עס האָט וואָך געמאַכט און קריסטאַליזירט אין אונדז דעם באַוואוסטזיין, אַז עס איז דאָ אַזאַ פֿענאָמען, ווי אַ ייִדיש פֿאָלק, אַ ייִדיש וועלטפֿאָלק, אַז מיר זיינען אַ טייל פֿון אים — און אַז מיר מעגן מיט אים שטאָלצירן. דאָס איז אַלץ ריכטיק. אָבער דאָס פֿאַרמינערט נישט אויף קיין האָר די שוועריקייט פֿון דער דערמאָנטער פּראָבלעם. אונדזער גרויסע און הייליקע זאָרג פֿאַר אונדזערע ברידער אויף יענער זייט ים האָט איינגעשלונגען אונדזערע אַקטיווסטע כּוחות און צוגענומען פֿאַר זיך אונדזער גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט, אונדזער גאַנצע פֿעאיקייט צו טראַכטן וועגן אונדזערע אייגענע גייסטיקע נויטבאַדערפֿנישן.

דער רעזולטאַט דערפֿון איז, אַז ס'זיינען נישט אָפּגעשפּאָרט געוואָרן גענוג גייסטיקע און מאַטעריעלע רעסורסן און עס זיינען נישט באַשאַפֿן אָדער באַפֿעסטיקט געוואָרן גענוג לעבנספֿעאיקע ייִדישע דערציִאונג־און בילדונגס־אינסטיטוציעס, — און דאָס איז געשען גראָד אין אַן עפּאָכע, ווען עס זיינען אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויף אונדז אַזוינע שווערע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע שליחותן. גראַד דאַן, ווען אויפֿן גורל פֿון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ איז אויסגעפֿאַלן צו שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע

אינעם לעבן און אין דער אויפלעבונג פונעם האלב פארפייניקטן און פאריתומטן פאלק, איז אונדז נישט געגעבן געווארן די מעגלעכקייט דורכצומאכן דעם פולן פראצעס פון גייסטיקער הכשרה.

עס איז ברייטער געווארן אין אמעריקע דער שטח פון עמאציאנע־לער יידישקייט, עס איז נישט גענוג פארטיפט געווארן אונדזער יידישער קולטור־באוואוסטזיין. די זיבן מאל זיבן מאגערע קי פון דער פעט געווא־רענער צדקה האבן שיעור ניט איינגעשלונגען די זיבן פעטע קי פון אונדזער דערציאונג און בילדונגס־ארבעט. מיר האבן זיך אויסגעלערנט העלפן אנדערע יידן — און דאס איז זייער גוט; אליין אבער זיינען מיר גייסטיק געווארן אומבאהאלפן — און דאס איז די גרעסטע סכנה. אונד־זערע ברידער אין אנדערע לענדער האבן מיר געגעבן א געוויסע מעג־לעכקייט צו היטן און צו פארמערן די אוצרות, וואס זיינען אונדז גע־בליבן בירושה פון פריערדיקע דורות, א געוויסע מעגלעכקייט צו בא־זארגן זייערע קינדער מיט יידישער דערציאונג; מיר האבן אבער פאר־געסן, אז מיר אליין האבן אויך א חלק ונחלה אין אונדזער פאלקס ירושה, און אז אונדזערע קינדער זיינען אויך יידישע קינדער. מיר טארן עס מער נישט פארגעסן.

אבער, מיינע חשובע פריינט, אויב מיר האלטן שוין ביים וועקן דעם זכרון פון יידן אין אמעריקע, — לאמיר זיי און זיך נאך עפעס דער־מאנען. לאמיר ניט פארגעסן, אז דער אמעריקאנער יידישער קיבוץ איז אליין פאר זיך א שטיק קיבוץ גליות — און אז דער ווערט און די ווערדע דערפון זיינען אויך פון אים אליין ניט אפגעשאצט געווארן, ווי געהעריק איז.

מיר זיינען א קיבוץ גליות פון מער ווי פון איין שטאנדפונקט. מיר זיינען עס, ערשטנס, פונעם שטאנדפונקט פון אונדזער געשיכטע און צווייטנס, — אין דעם ליכט פון אונדזער געא־און דעמאגראפישער אפ־שטאמונג.

מיר האבן דא אין לאנד, ווי איר אלע ווייסט, יורשים פון וויג־ציקסטנס, דריי גרויסע יידיש־היסטארישע קולטור־עפאכעס און קולטור־צענטערס: א) דעם אמאליקן ספרדיש־פארטוגאלישן צענטער, ב) דעם שפעטערדיקן מערב־און מיטל־אייראפעאישן צענטער און ג) דעם — פאר אונדזערע אויגן אזוי בארבאריש צעשטערטן — מזרח־אייראפעאישן צענ־טער.מיר האבן דא יורשים און אויך ירושות — צום באדויערן, נאך ווינציק באנוצטע, אפט נאך נישט אויפגעמאנטע ירושות — פון די שע־פערישסטע יידישע ישובים. זעלטן ווען א יידישן קיבוץ איז באשערט גע־

ווען צו זיין דער אפּוטרופּוס איבער אַזאַ גוואַלדיקער עשירות. מיר האָבן די זכיה עס צו זיין, — די נאָך נישט פֿאַרדינטע זכיה צו טראָגן באַהאַלטן אין די ספֿרדיש־גערמאַניש־מזרח־אייראָפּעאישע פּלאַסטן פֿון אונדזער אַמעריקאַנער יידיש לעבן אוצרות פֿון, ווינציקסטנס, טויזנט יאָר יידישער וועלט־געשיכטע.

און נישט נאָר אין צייט, אויך אין אָרט, איז אונדזער אָפּשטאַמונג רייך און פֿאַרשיידן, מיינע פֿריינט.

עס איז כמעט נישטאָ קיין איין ווינקל אויף דער ערד, קיין איין געאָגראַפֿישער פּונקט, וואָס זאָל נישט זיין רעפּרעזענטירט אויף דער מאַפּע פֿון דער אַמעריקאַנער יידישער אימיגראַנט־ערונג. די יידישע אַמעריקע איז במילא אויך דעמאָגראַפֿיש די אָפּשפּיגלונג און דער שפּיגל פֿון דעם גאַנצן צעזייטן און צעשפּרייטן יידישן פֿאָלק.

אַזוי ווי די בויאונג פֿון אַמעריקע גופֿא איז אַ שותּפֿות פֿון שיעור נישט אַלע פֿעלקער, קולטורן און שפּראַכן פֿון דער וועלט, — אַזוי האָבן אַ חלק אויך אין דעם יידישן קיבוץ פֿון אַמעריקע שיעור נישט אַלע טיילן און גרופּעס פֿונעם יידישן פֿאָלק מיט זייערע אַלע היסטאָרישע, רעליגיעזע, וועלטלעך־קולטורעלע, שפּראַכלעכע און אַנדערע באַזונדערקייטן. דער נאָך נישט אינגאַנצן איינגעשטעלטער ריטעם פֿונעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן איז, הייסט עס, אַ גלגול נישט פֿון אַן איינציקן ניגון, נאָר פֿון דער פֿולער סימפֿאָניע פֿונעם יידישן וועלט־פֿאָלק . . . מיר זיינען אַ קולטורעל־פּלוראַליסטיש פֿאָלק אין אַ קולטורעל־פּלוראַליסטישן לאַנד.

און דאָס איז נישט נאָר די קאָנסטאַטירונג פֿון אַ היסטאָריש וויכטיקן פֿאַקט. דאָס קומט אונדז צו לאָזן הערן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ פּראַקטישע באַדייטונג.

עס קומט אונדז צו לאָזן הערן, אַז קיין גרופּע, קיין ריכטונג, קיין טראַדיציע אינעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן, קאָן נישט האָפֿן און דאַרף זיך נישט ריכטן, אַז מיט דער צייט וועט זי אַרויסשטויסן אַלע אַנדערע ריכטונגען, טענדענצן, אָדער טראַדיציעס, פֿאַרנעמען זייער אָרט און אָפּווישן זייערע שפּורן אין דער אַמעריקאַנער יידישער וועלט בכלל און אין דער יידישער דערציאונג בפֿרט. ניין. דער וועג פֿון אונדזער לעבן און ממילא אויך פֿון אונדזער דערציאונג דאָ אין לאַנד, איז נישט קיין וועג, וואָס פֿירט צו טריאומף פֿון דער אָדער אַנדערער, רעליגיעזער אָדער וועלטלעך־קולטורעלער, שטרעבונג איבער אַלע אַנדערע שטרעבונגען. עס איז אַ וועג, וואָס פֿירט צו דער קעגנזייטיקער באַאיינפֿלוסונג און דער סינטעזירונג פֿון די פֿאַרשיידנסטע שטרעמונגען און שטרעבונגען. אין

איינעם מיט דעם כוח פֿון אונדזער אינעווייניקסטן קולטור־פּלוראַליזם ווירקן די פֿאַקטאָרן פֿון אונדזער אייגענעם „מעלטינג פּאָט".

וואָס זשע איז דער אויספֿיר, וואָס יעדע באַזונדערע שיטה אינעם יידישן לעבן און אַלע שיטות אין איינעם דאַרפֿן דערפֿון מאַכן? איז דער אויספֿיר, אַז זיי מוזן אַלע דערקלערן עפּעס אַ מין בורג־פֿרידן, ווי באַלד אַז סיי־ווי־סיי גרייט די געשיכטע פֿאַר זיי אַ פּשרה, אַ סינטעז? איז דער אויספֿיר, אַז יעדע גרופּירונג דאַרף זאָגן צו זיך אַליין: „גענוג צו שפּאַרן זיך, גענוג צו זיין אַיינגעשפּאַרט . . . לאָזט דעם קאָכיקן היסטאָרישן קעסל קאָכן זיין געקעכץ, לאָזט אים צעשמעלצן און צונויפֿשמעלצן אַלץ, וואָס דאָס יידישן לעבן וואַרפֿט אין אים אַריין, — און זאָל ענדגילטיק נעמען אַ סוף צו דער „פֿאַרשיידנאַרטיקייט אין איינהייט", וואָס דער אַמעריקאַנער יידישער ישוב שטעלט מיט זיך פֿאָר? אָ, ניין. דאָס טאָר נישט געשען. דער יידישער „מעלטינג־פּאָט" טאָר נישט פֿאַרטונקלען אָדער גאָר פֿאַרניכטן אונדזער אינעווייניקסטן קולטור־פּלוראַליזם. יעדע שיטה, יעדע טראַדיציע, — אַלץ איינס, ווער אירע טרעגערס זיינען, — אור־אור אייניקלעך פֿון די ספֿרדיש־פּאָרטוגאַלישע יידן, וואָס זיינען געקומען אַהער פֿון בראַזיליע, פֿון האָלאַנד, אייניקלעך פֿון די, וואָס האָבן איבערגעוואַנדערט אַהער פֿון דייטשלאַנד, אָדער עסטרייך, זין און טעכטער פֿון יענע, וואָס עס האָבן געבראַכט אַהער די פֿאַרשיידנסטע איינוואַנדערונגס־כוואַליעס און די קאָלירפֿולע גרופּירונגען פֿון פּוילן, רוסלאַנד אָדער ליטע, — יעדע יידישע לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע, יעדע יידישע ירושה, וואָס איז לעבנס־און קאַמפּס־פֿעאיק, מעג און מוז קעמפֿן פֿאַר איר אָרט אונטער דער זון. זי מוז אָבער געדענקען, אַז דאָס איז נישט און קאָן נישט זיין קיין אויסראָטונגס־קאַמף, אַז דאָס איז נאָר אַ פֿאַמיליע־מחלוקה, אַ מלחמה מיט ברידער, וואָס פֿריער, אָדער שפּעטער וועלן זיי אַלע זיצן ביי איין טיש און געבן איינע די אַנדערע פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון יעדנס אייגנאַרטיקע מאכלים, כאָטש זיי וועלן שוין מער אפֿשר נישט האָבן די געווירצטע אַלט־היימישע געשמאַקייט.

דער ציל פֿון אונדזער אינעווייניקסטן אידעען־קאַמף, דערהויפּט אויפֿן געביט פֿון דערציאונג, דאַרף, מיט אַנדערע ווערטער, זיין ניט להשמיד, להרוג ולאבד אַלץ, וואָס שטימט נישט אינגאַנצן מיט דער פּראָגראַם פֿון אַנשי שלומנו, ניט קיין מעכאַנישע סטאַנדאַרטיזירונג, אוניפֿאָרמירונג פֿון אונדזער גייסטיקן לעבן. ניין, יעדע ריכטונג דאַרף שטרעבן צו האָבן אַליין אַ גרעסערן חלק און מער דעה אינעם פֿאָלקס־שותּפֿות, כּדי רייכער און פֿולער און פֿאַרשיידנאַרטיקער צו מאַכן דעם אוצר, וואָס

פריער אָדער שפּעטער וועט ער ווערן אונדזער אַלעמענס אוצר. יעדער מעג און דאַרף זען, אַז זיין שטים זאָל זיך וואָס שטאַרקער לאָזן הערן אין דעם כאָר, אָבער ער טאָר נישט פאַרגעסן, אַז ער זינגט אין אַ כאָר, ניט סאָלאָ . . .

קאָנקרעט: אויב איינער פון אונדז, אַ שטייגער, ווייס ווי צו שעצן די ווערטן, — די סאָציאַל־עטישע, קינסטלערישע און אינטעלעקטועלע ווערטן פון זיינע לאַנדסלייט, — זאָגן מיר די יידן פון ליטע, פון פוילן, פון רוסלאַנד, פון גאַנץ מזרח־אייראָפּע, די יידן, וואָס זיינען דער רוב מנין און וואָס ביסלעכווייז ווערן זיי אויך דער רוב בנין פון דעם יידישן ישוב אין אַמעריקע; אויב איינער פון אונדז איז זיכער, אַז עס איז נישטאָ קיין בעסערער שליסל צו אָט די אוצרות, צו אָט די ווערטן, ווי יידיש, פונקט אַזוי ווי דער פּאַסיקסטער שליסל צו אונדזער קלאַסישער און צו דער נייער קולטור פון ישראל איז העברעאיש — אויב ער האָט, אַזוי ווי איך האָב, אַזאַ מיינונג, מיינט עס נישט, אַז ער דאַרף, אָדער קאָן זוכן אַרויסצושטויסן פונעם יידישן לעבן, אָדער פון דער יידישער דער־ציאונגס־וועלט די יחידים, אָדער גרופּעס, וואָס שטעלן דעם טראָפּ אויף אַנדערע ווערטן און אַנדערע מעדיומס פון יידישן אויסדרוק און פון יידישן שאַפן. דאָס מיינט נאָר, אַז ער דאַרף מיט אַלע כוחות שטרעבן ניט צו דערלאָזן, אַז אָט די יחידים, אָדער גרופּעס זאָלן מבטל זיין, פאַר־שעמען, אָדער פאַרטונקלען דעם גייסטיקן פאַרמעגן, די פאָרמען, די אויסדרוקס־מיטלען, וואָס זיינען אים ליב און טייער. זיין אויפגאַבע און די אויפגאַבע פון זיינע פריינט דאַרף זיין צו זען, אַז קיין זאַך, וואָס איז יידיש־שאַפעריש און מענטשלעך־ווערטפול, זאָל דעם לעבן און שאַפן פון דעם יידישן פאָלק אין אַמעריקע נישט פרעמד זיין.

ווי לאַנג די אָדער יענע קולטור־ווערטן און אויסדרוקס־מיטלען פון, זאָגן מיר, דער יידיש־סביבה וועלן זיין אַ דינאַמישער לעבנס־כוח, אָדער ווי טיף די העברעאישע שפּראַך און אַנדערע ווערטן, וואָס זיינען שייך צו העברעאיש, קאָנען אַריינדרינגען אינעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן, — ניט דאָס איז די פראַגע. די מאָס צו מעסטן און די וואָג צו וועגן אַ פאָלקס־שאַפערישקייט דאַרף גענומען ווערן פון זיין לעבעדיקן איצט און זיין לעבנס־פּעאיקן פריער, נישט פון זיין אומבאַוואוסטער צו־קונפט. און אַזוי ווי איצט האָבן גרויסע טיילן פון דעם יידישן פאָלק גייסטיקע באַדערפענישן, וואָס קאָנען אַנדערש נישט באַפרידיקט ווערן סיידן נאָר מיט דער הילף פון יידיש, מוז די דאָזיקע שפּראַך און ליטע־ראַטור און איר גאַנצע קולטור איינגעשלאָסן זיין אין דעם קרייז פון

אונדזערע קולטור־און בילדונגס־אַקטיוויטעטן. און אַזוי ווי מיר שאַפֿן און האָבן געשאַפֿן אויף העברעאיש און אויף יידיש סאָציאַל – עטישע, קינסטלערישע, אינטעלעקטועלע און אַנדערע נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס געהערן צום גאַנצן פֿאָלקס קולטור־אוצר, מוזן אַלע דערציאונגס־אַנשטאַלטן איבערגעבן די קומענדיקע דורות די שליסלען צום דאָזיקן אוצר. זיי קאָנען זיך נישט פֿאַרגינען צו לאָזן אים בלייבן פֿאַרשלאָסן פֿאַר זיי.

ענגלישע איבערזעצונגען? זיי זיינען געוויס נייטיק, אָבער זיי זיינען נישט גענוג. די ליטעראַטור פֿון אייגענעם פֿאָלק, איר אמתן ניגון קאָן מען נישט דערהערן, אויב מען שפּילט אים נישט אויס אויף די אינסטרומענטן, מיט וועלכע זי איז געוואָרן איין גוף און איין נשמה. די אייגענע וואָרט־שאַפֿונג קאָן מען באַרייכערן מיט איבערזעצונגען פֿון אַנדערע לשונות, אָבער זי גופֿא מוז מען קאָנען אין אָריגינאַל; אויב מען וויל זי און זיך אַליין נישט אָרימער מאַכן. קאָנען תנ״ך, יהודה הלוין, ביאַליקן, פּרצן, שלום־עליכמען דורך אַ טאָלמעטשער איז אַזוי ווי נישט האָבן קיין איין מאָל געהערט דעם אייגענעם פֿאָטערס און דער אייגענער מוטערס שטים...

פֿאַר אונדזער גייסטיקן לעבן און דערהויפּט פֿאַר אונדזער קינדער־דערציאונג דאָ אין לאַנד, מוזן דעריבער זיין אָפֿן אין איינעם מיט די קוואַלן פֿון דער נאָך יונגער אַמעריקאַנער קולטור, — די מקורות פֿון אונדזער נישט אין ערד עלטערער און טיפֿער פֿאַרוואָרצלטער יידישער קולטור־טראַדיציע אין אירע ביידע לעבעדיקע און ווירקנדיקע שפּראַכן. נית צוליב עפּעס אַן אַבסטראַקטן קולט פון שפּראַך, נאָר צוליב אונדזער לעבעדיקער פֿאָלקס־קולטור, וואָס העברעאיש און יידיש געהערן צו אירע רייכסטע פּראָדוקטן און וואָס צוגלייכער צייט זיינען זיי אירע שעפֿערישסטע אינסטרומענטן.